№ 31 Opłata pocztowa opłacona ryczałtem. פרייז 20 גראָשען. „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער צייטונג

Bibljot. Jagiellońska Kraków
św. Anny 19

פרייטאג פ' ואתחנן י"ב מנחם אב תרצ"ו | ליכט-צינדען 7.15 | Piątek 31 lipca 1936

פון וואַהל = פראָנט.

די היינטיגע וואָך האט דער וואהל-יריד זיך אָנגעהויבען אונטער'ן צייכען פון שפּאַלטענישׂ. ערשט מיט 8 טעג צוריק, ווי ס'איז אין א געוויסער היגער צייטונג אזוי שוין דעקלאַמירט געוואָרען וועגען ציוניסטישען בלאָק, וואס איז לויט זייערע ווערטער פערוואַנדעלט געוואָרען אין א „גרויסען נאַציאָנאַל-ווירטשאַפטליכען" בלאָק, וועלכער האט — ווידער לויט זייערע ווערטער — ארויס-גערופען איבעראַל אַזא שטארקע צופרי-דענהייט, און שוין האט דער דאָזיגער בלאָק געפּלאַצט. ס'זענען פון איהם ארויסגעטרעטען אויסער די „התאחדות", וועגען וועלכע מיר האבען שוין געשרי-בען, אויך די יודענשטאָטלער און די רעוויזיאָניסטען. די פאָרשטעהער פון די לעצטע צוויי אָרגאַניזאציעס האבען אויף דער געמיינזאַמער זיצונג פון בלאָק ערקלערט, אז זיי קענען נישט מסכּים זיין דערויף, אז אויף די ערשטע פּלע-צער פון דער פעראייניגטער ליסטע זאָלען ארויסגעשטעלט ווערען נישט קיין ציוניסטען ד. ה. פאָרשטעהער פון דער נייער סינאַגאָגע און סוחרים פעראיין. די פערטרעטער פון די ציוניסטען דאָ-געגען האבען זיך געהאלטען דערביי, אז די ערשטע 2 פּלעצער קומען פאָרט די דערמאנטע אינסטיטוציעס און דערי-בער מוזען אלע איבריגע אָרגאניזאציעס פערנעהמען ווייטערדיגע פּלעצער. סוף כּל סוף איז דער בלאָק געפּלאַצט. מעג-ליך, אז ס'וועט נאך קומען צו א שותּ-פות צווישען די יודענשטאָטלער און רעוויזיאָניסטען, דערווייל אָבער מאכט יעדער פון זיי „שבת פאַר זיך".

אויך מיט'ן בלאָק „מזרחי"-ראַדאָמ-סקער חסידים האַלט שמאָל. ס'האבען זיך אויך דאָרט שוין בעוויזען די ערש-טע שפּאַלטונגען און ס'האט שוין געהאל-טען דערביי, אז זיי זאָלען זיך צוגעהן, אבער יחידים פּרובען נאך דעם דאָזיגען שותּפות צו דערהאלטען. צי ס'וועט זיי דאך געלונגען צו דערפיהרען צו א געמיינזאַמער ליסטע — וועלען בעווייזען די נאָהנטע טעג.

די ווירעראַוער חסידים געהען מיט אַנ'אייגענער ליסטע. זיי ווילען אפילו מיט כּח צוציהען עטליכע אנדערע שטיבלעך, אָבער די רעזולטאַטען זענען דערווייל צווייפעלהאפטע.

ביי דער „אגודה" איז די לאַגע נאך נישט קלאָר.

אויב מען רעדט וועגען די ליסטעס פון די חסידים, איז כּדאי צוצוגעבען, אַז ס'פּיקט זיך אויס א נייע ליסטע — פון זשאָריקער, אַלעקסאַנדער און סקער-ניעוויצער חסידים.

בעת ביי מאַנכע קומען פאר שפּאַל-טונגען, קען זיין מעגליך, אז ביי די האַנדווערקער זאָלען זיך די רייהען גאָר צונויפקלעבען. אַט זענען די לעצטע טעג פארגעקומען פערהאנדלונגען צווי-שען די פאָרשטעהער פון האנדווערקער-פערבאַנד מיט'ן קצבים-צעך און ס'קען זיין, אַז זיי וועלען ארויסשטעלען א געמיינזאמע ליסטע.

די דעמאָקראַטען און די קליינהענד-לער אַרבייטען ווייטער אין דער שטיל פאר זייער זעלבסטשטענדיגער ליסטע.

די „פּועלי ציון" זאָלען האבען געמאכט א שותּפות מיט דער „התאחדות".

אונטער'ן פאָרזיץ פון ד"ר גייזלער איז היינטיגע וואָך פארגעקומען אין דער קהלה די צווייטע קאָנפערענץ פון פאָרשטעהער פון די בעזונדערע וואַהל-קאָמיטעטען וועגען צונויפשטעלען אַנ'-איינהייטליכע וואהל ליסטע פאר דער גאנצער טשענסטאכאווער יודישער בע-פעלקערונג. צום סוף איז געוועהלט געוואָרען א קאָמיסיע, וואס זאָל אויס-אַרבייטען דעם פּלאַן פאַר דער דאָזיגער שלום ליסטע.

אויבוואָהל אלע אַנוועזענדע האבען זיך אין פּרינציפּ ארויסגעזאגט פאַר'ן דערמאנטען שלום געדאַנק, דאך לעגט כּמעט קיינער פון זיי נישט קיין גרויסע האָפנונג אויף דעם גאַנצען פּראָיעקט און יעדער פון די וואהל-קאָמיטעטען אַרבייט געשמאַק און גרייט זיך צו פערכאַפּען וואס מעהר קהלה-בענקלעך.

דאס הויפּט געשפּרעך ארום די וואַה-לען איז היינטיגע וואָך געווען דער פאָרשלאַג פון דער קהלה אָפּאָזיציע צו שטרייכען פון דער וועהלער-ליסטע די יודען, וועלכע געניסען פון קמחא אָדער אנדערע אונטערשטיצונגען. די ברייטע מאַסען וועהלער האבען געהעריג קאָ-מענטירט דעם דאָזיגען פאָרשלאַג און אויסגעדריקט אין צוזאַמענהאַנג דערמיט זייער פערביטערונג.

אונזער ברודער און שוועגערין אין תל-אביב צו אייער ניי-געבוירענעם זוהן אורי, אונזערע בעסטע וואונשען. זאָל ער אייך גרינג דערצויגען ווערען.

אונזערע עלטערן אין ארץ-ישראל ווינשען מיר זיי זאָלען פון ניי-געבוירענעם אייניקעל פיעל נחת האָבען.

מרדכי, קאַראָלא און הערשיל סולקאָווסקי.

אונזער ברודער און שוועגערין אין תל אביב צו דעם געבורט פון זייער זוהנדעלע אורי, ווינשען מיר איהר זאָלט איהם דערציהען אלס מענש און שטאָלצען נאציאָנאלען יוד.

אברהם סולקאָווסקי און פרוי.

הסתדרות „תרבות" בפולניה, סניף בצ'נסטוכובה.

ביום הראשון, י"ד מנחם אב (2.7) בשעה 8=30 בערב במעון ההסתדרות הציונית, שדרה 10 ירצה **א. ח. שיפר**

על הנושא: „הספרות והחיים". כל העברים מתבקשים לבוא.

פרייטאָג, ד. 7 אויגוסט 1936 (י"ט מנחם אב תרצ"ו) צו דער 2-טער יאָהרצייט פון אונזער פערשטאָרבענעם פערוואַלטונגס-מיטגליד

אברהם זקן פרידמאַן נ"ע

וועט פאָרקומען 10 אזייגער פריה די ענטהילונג פון דער מצבה און א הזכּרה

אַלע חברים ווערען איינגעלאַדען אנטייל צו נעמען אין דער טרויער-הזכּרה

די פערוואַלטונג פון שניידער-צעך

אין טשענסטאָכאָוו.

די אַלע, וועלכע האָבען אַנטיילגענומען אין דער לויה פון אונזער הייסגעליבטען מאַן און פאָטער

יעקב משה גראָהמאַן

וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 29-טען יולי 1936 (י' מנחם אב תרצ"ו)

דריקען אויס דעם איניגסטען דאַנק

די אין טרויער פערבליבענע

פרוי, טאָכטער, זוהן און פאַמיליע.

צוליעב'ן טויט פון אונזער לאַנגיעהריגען און איבערגעגעבענעם פערוואַלטונגס מיטגליד

יעקב משה גראָהמאַן נ"ע

דריקען מיר אויס דער טרויערענדער פאַמיליע אונזער טיפסטען מיטגעפיהל.

המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

די פערוואַלטונג פון „בית לחם".

טיעף ערשיטערט צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון

ר' יעקב משה גראהמאַן ז"ל

דריקען אויס דער איבערגעבליבענער פאַמיליע דעם גרעסטען מיטלייד.

רעסטאָראַן בענצלאָוויטש

כאָרזשאָוו 1, קאַזימיעזשא 3.

מיר זענען צעווייטאָגט פון צער צוליב דעם טויט פון אונזער בעסטען פריינד

יעקב משה גראהמאַן נ"ע

און דריקען אויס דער איבערגעבליבענער פאַמיליע דעם טיעפסטען מיטגעפיהל.

פסח שלעזינגער, פרוי און פאַמיליע.

דער פאַמיליע גראָהמאַן צום פריהצייטיגען טויט פון זייער הייס געליבטען מאַן און פאַטער אונזער בעסטער גוטער פריינד

יעקב משה גראָהמאַן נ"ע

דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל

מלך דיקערמאַן, פרוי און פאַמיליע.

דער פאַמיליע גראָהמאַן צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער הייסגעליבטען מאַן און פאַטער

יעקב משה נ"ע

דריקט אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל

פירמע **„אורסוס"** וואַרשאַווער 21.

מיר נעמען אנטייל אין צער פון דער פאַמיליע גראָהמאַן צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער הייסגעליבטען מאַן און פאָטער

יעקב משה נ"ע

און דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל

ליפא פירשטענבערג און פרוי.

צוליעב'ן פּלוצלונגען טויט פון אונזער פערוואַלטונגס מיטגליד

אשר זאב פּיאָטרקאָווסקי נ"ע

דריקען מיר אויס דער אין טרויער פערבליבענער פאַמיליע אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל.

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

די פערוואַלטונג פון דער גמילת-חסדים-קאַסע

פילסודסקי 31.

ליקווידאַציע=אויספערקויף

פון פערשידען מעבעל

צו זעהר ביליגע פרייזען.

פ. שלעזינגער, 1-טע אלעע 3

אין הויף.

Jest kilka wolnych miejsc na miesiąc sierpień na naszej kolonji.

Informacje: kancelarja szkoły, Aleja 20 (tel. 10-78) codziennie od 4 — 6 po poł. lub bezpośrednio: Kolonja Szkolna im. Z. Wajnsztokówny we Włodzimierzowie, poczta Przygłów.

מיר בעטייליגען זיך אין צער פון דער פאַמיליע ערליך און וויעלען צום טויט פון זייער מאַן און פאָטער אונזער פעטער

חיים נ"ע

און דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל

פאמיליע ערליך, טשענסטאָכאָוו.

כוס תנחומים לחברה **שרה** למות אביה

חיים ערליך נ"ע

בלימה מארקוס, משולם סקאָווראָנעק, יעקב קאָניארסקי, יעקב סולמיערסקי, יצחק לעווקאָוויטש, מנחם גאַד, דר' כלאָפּאַק.

לרגלי מות אביהם החשוב והעסקן הצבורי ר'

חיים ערליך ז"ל

הננו מביעים את השתתפותנו בצערם הגדול של

משפחת ערליך

צבי וואָלמאן ורעיתו, פייוויש סקושיניא ורעיתו

חברתנו **שרה ערליך** הננו משתתפים בצערך הגדול לרגלי מות

אביך הנכבד

בעבודתך לטובת רעיוננו תנוחמי

ועדת תל=חי וילון

כוס תנחומין לחברנו וידידנו **שמואל ערליך** ורעיתו לרגלי יגונו על מות

אביו

מגישים

יוסף ורניה שאיא

Najgłębsze współczucie wyrażamy naszej koleżance SARZE ERLICH z powodu zgonu

b. p. Jej OJCA

Sala i Pola Sulmierskie, Janka Holcówna, Pola Bobrowska

זיי געטרייסט חבר **שמואל** אין דיין צער צוליב'ן טויט פון דיין

פאטער

משה פערעצאָוויטש, יחיאל מאיר יאַקובאָוויטש וויעלון.

אונזער חבר און פריינד **שמואל ערליך** צוליב'ן טויט פון זיין פאָטער

חיים ז"ל

דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל

יעקב שאַיאַ און פרוי, פנחס גערשאָנאָוויטש און פרוי.

צוליב'ן טויט פון אונזער פעטער

חיים

דרוקען מיר אויס דער פאמיליע **ערליך** דעם טיפסטען מיטגעפיהל

זייט געטרייסט!

יצחק הערשבערג און פרוי.

מיר נעמען אנטייל אין צער פון אונזער חבר **שמואל ערליך** צוליב'ן טויט פון זיין עהרענווירדיגען פאָטער

חיים ז"ל

שמואל שאַיאַ, אשר מענדלעוויטש, צבי שאַיאַ.

אביסעל מעהר אחריות

עטליכע פארטייען און גרופען האבען פרובירט צו שאפען איינהייטליכע בלאקען צו די קהלה-וואהלען. דערווייל האט עס זיך נישט איינגעגעבען. איצט איז ווידער געשאפען געווארען א קאמיסיע, וואס האט די אויפגאבע צו פעראייניגען דאס גאנצע טשענסטאכאווער יודענטום. זאל מען האפען, אז דאס וועט, אויב ס'וועט נאר זיין ביי אלעמען א גוטער ווילען, זיך יא איינגעבען.

דערצעהלען וואס פאר א געוואלטיגע בעדייטונג אזא פעראייניגונג וואלט געהאט—איז איבריג. עס וואלט ענדליך אויפגעהערט די שנאת חנם און מחלוקת'ן, וואס ברענגען אריין פערוויסטונגען אין דער יודישער מחנה, און שלום וואלט געהערשט צווישען אונז, וואס איז אזוי נויטיג אין דער איצטיגער צייט.

אזא פעראייניגונג וואלט געווען דער ערשטער שריט צו א ווייטערדיגער געמיינזאמער ארבייט צווישען יודען אהן אונטערשיד פון פארטיי און איבערצייגונג, דעריבער דארפען די יעניגע, וועלכע זענען בערופען די פעראייניגונג אדורכצופיהרען, פיהלענדיג די אהריות, וואס ליגט אויף זיי, אנווענדען אלע כחות, צו ברענגען צו א פאזיטיווען רעזולטאט. ווען אבער נישט, ווען אויך דער געפלאנטער פראיעקט פון אנ'איינהייטליכער ליסטע זאל זיך נישט איינגעבען, דאן דארף די ספעציעל בעשטימטע קאמיסיע כאטש אויספועל'ן ביי די פערשידענע גרופירונגען, אז דער וואהל-קאמף זאל זיין א בכבודיגער. זאל מען זיך בעקעמפען ארטיג און נישט אויסגיסען גאנצע עמער שמוץ איינער אויפ'ן צווייטען, וואס ברענגט נאר שאנדע דעם גאנצען כלל.

אויב דער דאזיגער קאמיסיע וועט כאטש דאס געלונגען, וועלען זיי שוין אויך האבען עפיס דערגרייכט. זאל מען האפען!

ש.

פון ארטיגען גארניזאן.

דער לייטער פון דער ארטיגער פיעכאטע-דיוויזיע האט זיך צוריקגעקעהרט פון אורלויב און איבערגענומען זיין אמט.

ווי אזוי איז נולד געווארען דאס פאסט-קעסטיל?

ביז צום יאהר 1840 האט יעדער, וואס האט געשריבען א בריעף, געמוזט קומען צו דער פאסט און דעם בריעף דארט איבערגעבען. מ'האט דעם בריעף פערשריבען, ווער ס'שיקט איהם און צו וועמען ער געהט. געצאהלט האט מען גארנישט דערפאר, ווייל דאס פארטא האט געמוזט בעצאהלען דער, וואס האט דעם בריעף בעקומען. האט מען דעם בריעף נישט אנגענומען, האט די פאסט צוריקגעבראכט דעם בריעף דעם שרייבער און ווען דער האט נישט געוואלט בעצאהלען די שכר טרחה פאר הין און צוריק, האט די פאסט געהאט א רעכט דעם בריעף אוועקצוווארפען.

ווען מ'האט אין יאהר 1840 אנגעהויבען איינפיהרען בריעף-מארקעס, האט מען דאך אוודאי געמוזט קומען צו דער פאסט מיט יעדען בריעף. מ'האט דארט געמוזט איינצאהלען און די קוויטאנציע פאר פארטא האט אויפגעקלעבט דער פאסט-מייסטער בכבודו ובעצמו...

אוודאי איז די מעשה נישט געווען זעהר בעקוועם, בעזונדער ביים אבשיקען ליבעס-בריעף איז עס די פרויען נישט רעכט-געווען צו געהן צו דער פאסט און דעם פאסט-מייסטער מודיע צו זיין, אז מ'שיקט א בריוועל לפלוני בן פלוני... אין יענע צייטען האבען וויי בלעך אויך געשפילט ליבעס מיט פרעמדע מענער און דאסזעלבע פערקעהרט. פרעמדע מענער האבען נישט פיינד געהאט פרעמדע ווייבלעך...

איז די מעשה שטארק פריקרע געווען, אבער מ'האט גארנישט געקענט טוהן דערצו...

ערשט אין יאהר 1848 האט די פאסט איינגעפיהרט צום ערשטען מאל פאסט-קעסטלעך.

יעדער האט ביי דער פאסט געקענט קויפען בריעף-מארקעס און אין דערהיים האט מען זיי אויפגעקלעבט אויף די בריעף און די בריעף האט מען דערנאך אריינגעווארפען אין די דאזיגע קעסטלעך, וואס זענען אויפגעשטעלט געווארען אויף פערשידענע פלעצער.

מ'האט אויף אזא אופן נישט געוואלט מטריח זיין פערנומענע סוחרים, זיי זאלען נישט מוזען געהן צו דער פאסט, אז זיי ווילען אוועקשיקען זייערע בריעף.

צוויי מאל אין טאג איז איינער פון דער פאסט ארומגעגאנגען פון איין קעסטיל צום אנדערן און האט ארויסגענומען די בריעף פון די קעסטלעך.

אוודאי האט מען פון די קעסטלעך דערנאך גערעדט אומעטום און די ערשטע שטאדט, וואס האט דערנאך איינגעפיהרט די פאסט-קעסטלעך איז געווען פאריז. מ'זאגט, אז טאקי די שעהנע פרוי פונ'ם פאסט-מייסטער איז געווען פלאם-פייער פאר די פאסט-קעסטלעך, ווייל זי האט נישט געוואלט דער מאן זאל וויסען וועמען זי שרייבט בריוולעך.

היינט איז ממש נישט פערהאנען קיין איין דארף אין דער וועלט, וואס זאל נישט האבען אומעטום קיין פאסט-קעסטלעך. קוקט מען זיך צו דערצו, דאכט זיך אונז, אז די דאזיגע קלוגסטע זאך פון דער גאנצער וועלט, שטעהט שוין אוודאי זייט טויזענדער יאהרען.

אבער די קולטור-געשיכטע פערצייכענט גענוי די דאטעס פון יעדער נייער איינפיהרונג און אזוי ווערען מיר געוואויר, אז דאס פאסט-קעסטיל איז נאך קיין הונדערט יאהר נישט אלט...

ז. האפער.

בלוטיגע טראגעדיע אין די שטאט טישע בארקען.

זונטאג ארום האלב 7 א זייגער פארטאגס האט זיך אין די שטאדטישע בארקען אין סטראדאם אבגעשפילט פאלגענדע בלוטיגע טראגעדיע:

דער דארטיגער איינוואוינער וולאדימלאוו בארוויק האט בעת א קריגעריי זיך געווארפען אויף זיין ווייב אפאלאניא און מיט א בריטווע איבערגעשניטען איהר דעם האלז.

דערזעהענדיג דאס פליסענדע בלוט פון דער אפענער וואונד, האט ער מי דעם זעלבען ראזיר-מעסער אויך זיך איבערגעשניטען דעם האלז.

די שכנים האבען דערהערט די קרעכצען פון די פערוואונדעטע און אריין אין דער וואוינונג. דערזעהענדיג דאס שוידערליכע בילד האבען די שכנים ארויסגערופען די גיכע-הילף, וועלכע האט די פערוואונדעטע איבערגעפיהרט אין שפיטאל אריין.

בארואוסקי'ס צושטאנד איז א האפנונגסלאזער און זיין פרוי שטעהט אויסער יעדע געפאהר.

די דאזיגע בלוטיגע טראגעדיע האט אין דער געגענד פון סטראדאם געמאכט א שוידערליכען איינדרוק.

א זיצונג פון דער וואהל-קאמיטע צו דער קהלה

פארשלאג אויסצושטרייכען פון דער וועהלער-ליסטע

מעהרערע הונדערט יודען

אונטער'ן פארזיץ פון דר. גייזלער איז פארגעקומען א זיצונג פון דער וואהל - קאמיסיע אין צוזאמענהאנג מיט'ן בעשטעטיגען די וועהלער-ליסטעס, נאכדעם ווי זיי זענען ארויסגעלעגט געווארען צום אדורכזועהען פאר די וועהלער.

בשעת דער זיצונג האט ה' גאלדשטיין פארגעלעגט צו שטרייכען פון די וועהלער-ליסטעס די אלע, וואס געניסען פון דער קמחא אדער אנדערע אונטערשטיצונגען. דעם דאזיגען פארשלאג האט הייס פערטיידיגט דר. בראם. געגען פארשלאג אבער, וועלכער בעצוועקט ביי מעהרערע הונדערטער יודען אוועקצורויבען זייער וואהל-רעכט האבען זיך ארויסגעזאגט אלע איבריגע מיטגלידער פון דער וואהל-קאמיסיע, אזוי אז ער איז איינגאנגען אבגעווארפען געווארען.

דאן זענען די וועהלער-ליסטעס בעשטעטיגט און די זיצונג איז פערענדיגט געווארען.

א שוועקליכער שטורם איבער טשענסטאכאו.

נאך אנ'אונגעוועהנליך-הייסען טאג איז דינסטאג און אווענד ארום 8 א זייגער אדורך איבער אונזער שטאדט און אומגעגענד אנ'אונגעוועהנליכער שטורם מיט א שלאקס-רעגען, האגעל און דונערן. דער שטורם האט גדויערט אנ'ערך 1 שעה און פערהעלטניסמעסיג אדורך רוהיג, ווייל אויסער דעם, וואס ס'זענען געווארען פערגאסען א רייה נידריגערע גאסען, זענען קיין גרעסערע שאדענס נישט געווען.

ווי ס'האט זיך אבער שפעטער ארויסגעוויזען, איז דאס געווען בלויז א פארשפיל צו א גרויסען שטורם, וואס איז אויסגעבראכען ארום האלבע נאכט. דער שטורם מיט אונאויפהערליכע בליצען, שלאקס-רעגען און א שטארקען ווינד האט געדויערט אנ'ערך א האלבע שעה און ס'האט זיך אויסגעוויזען ווי א וואלקען וואלט זיך אבגעריסען פון הימעל. אין ביידע פארקען און אין פריוואטגערטנער זענען צובראכען געווארען פיעל בוימער און די דאזיגע בוימער, וואס זענען נאך געבליבען גאנץ, זענען פון זיי אראבגעפאלען אלע בלעטער. אין פיעל ערטער זענען אומגעפאלען די פלויטען. אויף דער ספארנא-גאס האט דער ווינד אראבגעריסען דעם דאך און איבערגעקעהרט דעם קוימען פון הויז, וואס געהער צו קאטאזשינא מיזערא. גרויסע שאדענס זענען אויך געווארען פעראורזאכט ארום דעם קלויסטער-פלאץ, פון וואנען די וואסער-שטראמען האבען אראבגעשווענקט פיעל זאמד און שטיינער אין דער דריטער אלעע אריין.

אין וויעזשכאוויסק זענען פונ'ם גרויסען האגעל געווארען אויסגעהאקט די שויבען אין די בנינים פון די ארטעזישע פלומפען און פריוואט-וואוינונגען. אנ'אומגעקעהרטער בוים האט צושעדיגט דיזעלבע פלומפ און די ארבייטען ביים פעררירכטען האבען געדויערט א גאנצע נאכט.

די שאדענס פונ'ם דאזיגען אונגעוועהנליכען שטורם זענען זיכער פיעל גרעסער, ווארום ס'זענען נאכנישט אנגעקומען קיין ידיעות פון דער אומגעגענד, וועלכע האט שטארק געליטען.

אויך מיטוואך אין אווענד ארום 3.30 א זייגער האט זיך איבערגע'חזר'ט דער שטורם מיט גסדר'דיגע בליצען און א שלאקס-רעגען.

וועגען א גרעסערע ארבייטס-אויסגיביגקייט.

די דירעקציע פון דער קאפאלניע נומער 4, וואס געהער צו דער „הוטא באנקאווא" האט זיך די לעצטע טעג געווענדעט צום ארבייטס-אינספעקטאר קוליטשקאווסקי און איהם מודיע געווען, אז ס'איז פעסטגעשטעלט געווארען א קלענערע ארבייטס - אויסגיביגקייט, ווי די נארמע זעהט פאקטיש פאר.

אין צוזאמענהאנג דערמיט איז אינזש. קוליטשקאווסקי אוועק אין דארף בארק, וואו ס'געפונט זיך די קאפאלניע און פעראָרדענט א רייה טעכניש-היגיענישע אויסבעסערונגען, וואס זאלען פערזיכערן די ארבייטער געהעריגע ארבייטס-בעדינגונגען און דאדורך וועט זיך אויך העכערן די אויסגיביגקייט פון דער ארבייט.

אויב די ארבייטס-אויסגיביגקייט וועט זיך ווירליך הויבען, וועט די דירעקציע צוטרעטען צו בויען א נייעם אויוועון און פערגרעסערן די צאהל ארבייטער.

זייט געטרייסט

לכבוד שבת נחמו

אוועק זענען די דריי וואכען פון טרויער, זוך איך עפעס א טרייסט ווארט און קאן נישט געפונען. עפען איך אויף די צייטונגען, לעז די פערשירענע נייעסען, וואס קומען אן פון אלע עקען וועלט און איך מוז מודה זיין, או אויך דארט איז נישטא קיין מאטעריאל, כדי זיך צו קאנען טרייסטען, פערקעהרט פון די פערשידענע פרעסע ידיעות ווערט מען נאך טרויעריגער. מען מוז זיך דאך אבער פארט טרייסטען אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק: נחמו נחמו עמי, וואס דער טייטש איז, אז כאטש ס'איז דיר אנגעזאלצען אויפ'ן הארצען, טרויעריג אויף דער נשמה, מוזטו מאכען א לאכעדיג פנים, ווייל „דער רבי האט געהייסען לוסטיג זיין"... היות אבער, ווי אונזער לעבען איז א גאנץ יאהר כמעט איינגעהילט אין טרויער און די פרעהליכע טעג זענען אזוי קורץ (ווארום באלד קומט אן דער חודש אלול), וועל איך פרובירען טאקי אט פון די צרות ארויסקיועטשען אביסעלע טרייסט. אז מען מוז, העלפען נישט קיין טענות...

מיר הויבען אן:

דער טרוים פון אונזער פאלק איז צו האבען ארץ-ישראל אלס א נאציאנאלע היים. האבען זיך אבער די אראבער צעווילדעוועט און ווילען צעשטערען אונזער אויפבליה-ווערק. אויך די ענגלענדער, וועלכע האבען פייערליך ערקלערט ארץ-ישראל אלס א יודישע היים, העלפען צו מיט זייער פאסיוויטעט די אראבער אין זייער פערדא-בונגס-ארבייט. איז אבער דער יודישער ישוב אין ארץ-ישראל ניכטער און מיט אויסדויער און עקשנות, מיט אייזערנער געדולד פערלירען די יודען נישט דעם גלייכגעוויכט און דאס איז די בעסטע גאראנטיע, אז זיי וועלען אויסהאלטען דעם ווילדען שטורם, זיי וועלען בייקומען אלע מניעות און שטרויכלונגען און סוף כל סוף וועט ארץ ישראל זיין אונזער און דאס איז אונזער טרייסט.

מיט העכער פיער הונדערט יאהר צוריק האט מען א סך אונזערע ברידער געברענט אויפ'ן אויטאדאפע אין שפאניען און די איבריגע האט מען פערטריבען, אזוי אז די יודען האבען זיך פערשווארירען מעהר אין דאזיגען לאנד זיך נישט צו בעזעצען. האט די געשיכטע זיך נוקם געווען פאר אונזערע צרות און שוין א רייהע יאהרען, ווי אין דעם דאזיגען לאנד קומען פאר רעוואלוציעס און בירגער - מלחמות, שרפות און אויפשטאנדען, און בלוט — נישט קיין יודישעס — גיסט זיך דארט ווי וואסער.

אמת, מיר האבען אין משך פון דורות פערגעסען די עולות, וואס זייערע זיידעס האבען געטהון אונזער פאלק, קוקען מיר זיך פארט צו צו דעם אלעם, וואס קומט פאר אין שפאניען און אין אונזער אונטערבעוואוסטזיין איז דא עפיס אזעלכעס, וואס רופט און זאגט אונז אונטער, אז דאס, וואס די שפאניער רייסען זיך ארום צווישען זיך, דאס, וואס די ראדיקאלען נעמען נקמה אין דעם קלער וועלכער האט אונז אזוי מערדערליך געפייניגט, דאס איז דאך א געוויסע טרייסט.

היטלער האט ארויסגעלאזט די לאזונג: להשמיד ולהרג, אז דאס יודישע פאלק איז א מינדערווערטיגע ראסע, וואס איז נישט פעהיג צו צושטערען אין נישט צו בויען. איז געקומען דאס גרויסע פראנצויזישע פאלק און האט צושמעטערט די ווילדע ראסען-טעאריע, איבערגעבענדיג די העכסטע לייטונג פון פראנצויזישען מלוכה-רודער אין די הענד פון דעם יודען לעאן בלום.

אלע אונזערע שונאים, דערונטער אויך די היימישע המנ'ס, קריצען מיט די ציינער, און מיט שוים אויף די ליפען רעדען זיי וועגען דער הימעלשרייענדער עולה; זיי ווארענען דאס „בלינד-געווארענע" פראנצויזישע פאלק פאר די קאנסעקווענצען און גלייכצייטיג בעדויערען זיי די פראנצויזען פאר זייער קורצזיכטיגקייט א. א. וו.

מיר יודען נעמען טאקי נישט קיין ווארט וועגען דעם דאזיגען ענין. דער פאקט אבער, וואס א יוד און גראד א שטאלצער יוד פיהרט אן מיט דער פראנצויזישער מלוכה, וואס דערמיט ווערט צושמעטערט היטלער'ס טעאריע וועגען ראסיזם און אויך דאס וואס צוליעב דעם אלעם האבען אונזערע וועלט-שונאים עגמת נפש — זאל זיין אונזער טרייסט.

די שחיטה-גזירה ווערט ענדליך איינגעפיהרט. עס זענען שוין אפילו אויסגעארבייט געווארען די אלע כללים, וואס האבען א שייכות צו דעם דאזיגען ענין. אין לעבען וועט דאס אבער ערשט פערווירקליכט ווערען אין סטיטשען 1937. ס'פערשטעהט זיך, אז די דאזיגע גזירה וועט אונז גרויסע צרות פערשאפען און אויב מיר וועלען ווייטער וועלען זיין אנהענגער פון פלייש, וועלען מיר מוזען דערפאר טייער בעצאהלען, אזוי אז מיר וועלען זיין אין דערזעלבער לאגע, ווי די יודען, וועלכע האבען אין דער מדבר נאך יציאת מצרים געטענה'ט: מי יאכלנו בשר?

דאס אבער, וואס צוזאמען מיט דער שחיטה-גזירה וועלען אויך ליידען נישט-יודען, ווי למשל די, וועלכע האנדלען מיט בהמות א. ז. וו. — זאל דאס זיין כאטש אונזער טרייסט...

מיר שטעהען ערב קהלה-וואהלען. אין שטעדטיל הויבט זיך אן קאכען, ס'קומען פאר בעראטונגען צווישען די פערשידענע גרופירונגען, וועלכע האבען שוואכע אויסזיכטען אויף ערפאלג, כדי זיך צו פערבינדען און ארויסשטעלען א געמיינזאמע ליסטע און אזוי ארום מיט שותפות'ע כוחות אריינשטופען עטליכע דאזארעס אין קהלה-שטיבעל. דאגענען די שטארקע גרופירונגען, וועלכע זענען זיכער אין זייערע כחות און האבען מיט וואס צו קומען צו די מאסען, געהען זיך זייער וועג, נישט זוכענדיג קיין הילף ביי קיינעם.

ווען מען וועט צונויפשטעלען די ליסטעס, וועט זיך אט ביי די צונויפגעשטיקעוועטע גרופירונגען ערשט אנהויבען דער אמת'ער קאמף, ווארום יעדער וועט דאך וועלען אליין זיין פון אויבען אן, מורא האבענדיג, אז ער זאל נישט בלייבען אין דערהיים...

דאן וועט ערשט פארקומען דער וואהל-קאמף, און היות ווי מען שמועסט, אז סוף כל סוף וועלען ארויסגעשטעלט ווערען אנ'ערך 12 ליסטעס, אזוי אז אלס קאנדידאטען וועלען פיגורירען א קימא-לן פון 400 עטליכע צעהנלינג פערזאן, וועלכע וועלען ווערען „בעארבייט" דורך די געגנער, דארפען די איבריגע 6000 וועהלער „נומל"-בענשען, וואס זיי וועלען בלייבען אונבעפלעקט, און דאס דארף זיין פאר זיי, פאר די יעניגע וועהלער, וועלכע וועלען נישט פיגורירען אויף די ליסטעס, א טרייסט. די ווידער, וועלכע לאזען זיך יא ארויסשטעלען אויף די קאנדידאטען-ליסטעס אויב זיי וועלען נאך חס ושלום אדורכגעהן אויך און ווערען דאזארעס אין דער קונפטיגער קהלה, אט די דארפען אוודאי האבען די אמת'ע טרייסט.

א סך טשענסטאכאווער יודען, וועלכע האבען קיינמאל אין זייער לעבען נישט געדארפט זיך ווענדען צו קיינעמ'ס הילף און זענען די לעצטע צייטען, אין „אוושעם"-פעריאד, אראבגעפאלען מיט זייערע פרנסות, אז זיי האבען געמוזט אנקומען צו קמחא אדער צו אנ'אנדערער שטיצע, זאלען זיך טרייסטען דערמיט, וואס כאטש עטליכע „בעלי רחמנות", וועלכע רייסען זיך צו הערשען איבער דער קהלה-קלאטשע, האבען ביי זיי, ביי דער ליידענדער מאסע, געוואלט צונעהמען דאס וואהל-רעכט, איז עס זוי דאך נישט געלונגען. זאל דעריבער דער וואהל-צעטיל, וועלכען דער געליטענער יוד וועט פארט בעקומען, זיין פאר איהם א טרייסט אויף בעסערע צייטען.

אויך די יעניגע, וועלכע פרעהען זיך בעת מיר געלונגט נישט אנצושרייבען ווי געהעריג א פעליעטאן, וועלען איצטער, אדורכליינענדיג מיין פעליעטאן, אויך האבען א טרייסט...

סמאל.

דער טעם פון די ענדעקישע אטאקעס

פון פסח קאפלאן

איצט הויבט שוין אן קלאר צו ווערען, פארוואס גראד אין דער צייט פונ'ם ליבעראל קאשטשאלקאווסקי האט זיך אנגעהויבען די קאנצענטרירטע ענדעקישע אטאקע אויפ'ן יודישען סטראגאן און אויף יודישע קעפ.

מ'האט עס ערקלערט טאקי מיט זיין ליבעראליזם, וועלכער האט אביסעל פריי געלאזט די הענד פון די שלעגערס. דאס איז אוודאי אמת, אבער נישט דער גאנצער אמת. איצט הויבט אן די אל ארויסקריכען פון זאק.

ס'איז נישט ריכטיג, וואס מ'זאגט, אז די קלעפ וואס יודען קריגען דא, האבען נישט קיין זינען קיין טעם, ס'ליגט דערין שטענדיג א פאליטישע ליניע. די דאזיגע קלעפ קומען מיט'ן שטראם פון א געוויסען ווינד און געהען אוועק, ווען דער ווינד בייט זיין ריכטונג.

היינטיגעס מאל זענען זיי אין פוילען געקומען מיט'ן שטראם פון די ליבעראלע ווינדען.

פ'שטעהט אין פוילען, ווי אומעטום, די פראגע, ווי אזוי צו בעהערשען דעם קריזיס, פערטרייבען די ארבייטסלאזיגקייט, געפונען ברויט און ארבייטס-מעגליכקייט פאר די לעניאנען יונגע-לייט, וואס דאס לעבען ווארפט ארויס אין גאס אלע מאל אויפסניי. דער עיקר איז מען דא בעאגרוהיגט מיט די מאסען דארף-פויערים, וואס האבען אין די היימען נישט וואס צו טהון און וואס צו עסען, רייסען זיך אינסטינקטיוו אין שטאדט אריין און געפינען אויך דארט נישט קיין ארבייט און פערדינסט.

קיין שום רעגירונג, נישט דא און נישט אנדערשוואו, וועט זיך נישט קענען האלטען לאנג ביי דער מאכט, אויב זי וועט נישט געפונען קיין בעשייד אויף אט די פראגען, אדער לכל הפחות אויב די בעפעלקערונג וועט נישט האבען קיין פארשטעלונג, אז דארט אויבען, ביים רודער זוכט מען דעם בעשייד.

אז קאשטשאלקאווסקי איז גערופען געווארען צו דער מאכט, איז געווען א מעגליכקייט, חושד צו זיין, אז ער, דער געוועזענער ראדיקאל און איצטיגער ליבעראל, וועט אריינגעמען אין דעם פראגראם דעם פונקט פון פערווירקליכען די אגראר-רעפארם.

דאס שמעקט אוודאי נישט דער פריצעשאפט און איהר בעשיצערין—דער ענדעציע. און מ'האט זיך א נעם געטהון צו פערשטארקען די אגיטאציע געגען יודען, פשוט כדי אבצוציהען אין די פערשידענע קרייזען דעם אויפמערק פון יצנעם אופן פתרון פון דעם פראבלעם. נישט אין דארף ליגט דער אוצר, נאר אין שטאדט, נישט מיט'ן פריץ דארף מען קעמפען, נאר מיט'ן יודען, נישט באדען דארף דער פויער זוכען, נאר סטראגאנעס.

ס'איז דעמאלט נישט געזאגט געווארען בפירוש, מחמת דער פלאן איז נאך נישט ארויס אין פראנט פון די פאליטישע פראגראמען. אבער די ענדעקעס האבען געכאפט די פיש פאר די נעץ, געשלאגען יודען אויף אוואנס פאר די קומענדיגע צרות, וואס דער פויער וועט אפשר דארפען אויסשטיין פון דער ליבעראלער ליניע פון דער רעגירונג.

א שמיקעל הפסקה האט געקאנט איינטרעטען מיט'ן אנקום פון דער איצטיגער רעגירונג, וועלכע האט איבערגעטראגען דעם טראפ פון דער סאציאלער רעפארם אויף דער לאנד-פערטיידיגונג. די מורא פאר דער אגראר-רעפארם האט אביסעל אבגעטרעטען און דערפאר איז אויך שוואכער געווארען דער אימפעט פון די ענדעקישע אטאקעס אויף יודען.

פערשטעהט זיך, נישט דאס איז די איינציגע סיבה נאר וויכטיג איז אויך דאס, וואס דער נייער קורס האט זיך שטארק א בויג געטהון בנוגע דער יודישער פראגע, אויף דער ענדעקישער זייט, בעזונדערס מיט דער גרויסער אנצולערעניש, וואס איז געלעגען אינ'ם ווארט „אוושעם".

אבער מעגליך איז אויך, אז דער זינען פון דער אנצוהערעניש איז טאקי געווען, צו בערוהיגען די פריצים בנוגע דער אגראר-רעפארם...

אבער לאנג קען דער דאזיגער צושטאנד נישט דויערן. מיט'ן זוכען דעם אוצר אויפ'ן יודישען בית הקברות קען מען דערגרייכען דעמזעלביגען רעזולטאט, וואס אין דער בעקאנטער קאמעדיע.

און איצט שמועסט מען שוין ווידער וועגען א נייעם קורס, מיט'ן מיניסטער פאניאטאווסקי אלס פרעמיער. און דא ווערט שוין בפירוש אנגעוויזען, אז מ'קלייבט זיך צוטרעטען צו פערווירקליכען די אגראר-רעפארם.

האט ווידער די ענדעציע זיך צובושעוועט און ארויסגערוקט אין פראנט די יודישע פראגע. איצט זאגט מען שוין דארט בפירוש, אז ביי די פריצים וועט מען גארנישט קריגען, זיי האבען וועניג ערד' און שלעכטע ערד און מ'קען פון איהר קיין סך ברויט נישט ארויסברענגען. נאר צום יודען דארף מען זיך ווענדען, ביי איהם זוכען, געפונען און צונעמען.

דער אמת איז, אז קודם מוז מען רייכער און זאטער מאכען דעם דארף. און אויב פויערישע הונדערטער טויזענדער פויערים וועלען ווערען אין פוילען קויף-קרעפטיג, וועט ממילא פערגרעסערט ווערען דער האנדעל, און ס'וועט זיין א פלאץ אין שטאדט אויך פאר פויערים צו עפענען דארט סטראגאנעס און גרעסערע געשעפטען.

יודען וויינען נישט אויף „מי יחיה", נאר אויף „מי ימות", מיר זאגען נישט, אז דער האנדעל אין פוילען מוז זיין מאנאפאליזירט דווקא ביי יודען, מיר פראטעסטירען נאר געגען צונעמען ביי אונז דעם ביסען ברויט.

אויב דער דארף וועט ווערען רייכער, וועט די שטאדט קענען געבען ברויט אי דעם יודען, אי דעם קריסט.

אבער איצט אנזעצען זיך אויף דער אנעמישער שטאדט און אויסזויגען פון איהר די לעצטע זאפטען — איז א שאדען פאר יודען און נישט א רפואה פאר קריסטען.

אויב די רעגירונג וועט זיך באמת נעמען צו דער אגראר-רעפארם, וועט עס בעדייטען, אז זי איז סוף כל סוף פארט געקומען צום שכל הישר.

אלענפאלס זעהען מיר, אז די פשיטיקס, מיט די אדזשיוואלס, מיט די מינסק'ס, מיט די טרוסקאלאסעס, מיט די אלע איבריגע צוועלף שטעדטלעך זענען נישט געווען סתם קלעפ פון שיכורים, נאר האבען גריילעך געהאט א טעם, א טיעפען פאליטישען זינען...

דער דריטער צד—דער נסתר

(א בריף פון ארץ-ישראל)

די נישט אינפארמירטע צווישען יודען און נישט יודען פרעגען מיט רעכט: פארוואס קענען די יודען זיך נישט צונויפרעדען מיט די אראבער? איז טאקע די יודיש-אראבישע פראגע אזוי האפנונגסלאז, אז מ'קען בשום אופן נישט געפונען קיין אויסוועג, קיין מאדוס פאר א פרידליכען צוזאמענלעבען צווישען יודען און אראבער? אויף דעם קען מען ענטפערען מיט פולער אחריות און ריינעם געוויסען: ניין, מען קען און האט תמיד געקענט; עס האט אויך נישט געפעהלט קיין גוטער ווילען אויף ביידע צדדים.

— אויב אזוי, פארוואס האט מען גאר נישט אויפגעטהון ביז איצט אין דער דאזיגער ריכטונג?

— איבער א סיבה, וועגען וועלכער ס'איז נישט אנגענומען צו רעדען אין דער הויך. גאנץ פשוט — דער דריטער צד האט דאס נישט געוואלט; גרונדליך נישט געוואלט און כסדר געשטערט עס זאל נישט קומען צו אזא אבמאך צווישען ביידע צדדים. דער דריטער צד, דער נסתר — די מאנדאט-מלוכה, וועלכע האט אין פלוג אין דאזיגען לאנד נישט קיין אנדערע אינטערעסען און קיין אנדערע אויפגאבען ווי אויספיהרען דעם מאנדאט און ברענגען צו א פרידליכען צוזאמענלעבען אין א פולער הארמאניע צווישען יודען און אראבער. לויט דער דיפלאמאטישער גרויסמעכטיגער בעהויפטונג ווארט די מאנדאט-מלוכה אומגעדולדיג עס זאל קומען דער גליקליכער מאמענט. אבער עס איז נישט צו מאכען: אט די קליינע פעלקער, וועלכע געפונען זיך אויפ'ן וועג צו בעפרייאונג, זענען בעהערשט פון אזא שאוויניזם, אז מען קען גאר מיט זיי נישט רעדען, אבער למען השם דענקט נישט, אז עס איז שוין גאר קיין האפנונג נישטא, מען דארף נאר האבען געדולד, אויסווארטען, געדולדיג און מיט ענגלישער דערפאהרונג דאס פלעגען, ביז עס וועט רייף ווערען און קומען צו א דערנעהנטערונג.

אזוי ווערט די לאגע דערקלערט אפיציעל, אויף דער דיפלאמאטישער שפראך, און די פאר וועמען די דערקלערונג איז בעשטימט ווייסען דעם אמת, אבער זיי קימערט דאס וועניג וואס. פיעל טרויעריגער איז פאר די קעמפפענדיגע צדדים. ווען די יודען, למשל, מוזען מאכען א גוטע מינע ביי דער דאזיגער שפיל און מוזען כמעט פערשווייגען די פאלשע בעשולדיגונג, אז זיי קענען זיך נישט צונויפרעדען מיט די אראבער. איז כל זמן די פראגע טראגט נאר אזוי צו זאגען אן'אקאדעמישען כאראקטער, פערראוזאכט זי נאר מאראלישע קרענקונג, אבער אין אזעלכע מאמענטען ווי איצט, ווען מיט איהר איז פערבונדען א שרעקליכע סכנה און גרויסע ליידען, ווילט זיך דערצעהלען דעם אמת דער גאנצער וועלט.

עס ווילט זיך און מען דארף דערצעהלען יענע איינפלוסרייכע מענשען און מיטגלידער פון ענגלישען פארלאמענט, וועלכע האבען דא איצט געראטען דער אראבישער דעלעגאציע אין לאנדאן, אז די אראבער זאלען קומען צו א פערשטענדיגונג מיט די יודען. צי האבען זיי זיך געשטעלט די פראגע — וואס האט די מאנדאט מלוכה געטהון, כדי די צוויי פעלקער-שכנים זאלען זיך פערשטענדיגען? מיט וואס האט זי מיטגעהאלפען די פריינדליכע פערזוכען, וועלכע זענען געמאכט געווארען נאך בעת דעם קריג און וואס האבען געבראכט צו פריינדליכע בעציהונגען צווישען פיהרער פון די אראבער און די יודישע פארשטעהער אויף דער ווערסאלער קאנפערענץ? די ציוניסטען האבען דא נישט לאנג פערעפענטליכט דעם אבמאך צווישען פייזעל'ן און דר. ווייצמאן און וואס איז פון דעם געווארען? און וואס איז געווארען פון אנדערע עהנליכע פרובען? פארוואס האבען די אלע פרובען נישט געגעבען קיין רעזולטאט? ווי אזוי האט זיך צו זיי בעצויגען דער דריטער צד? וועגען דעם האט דער פיהרער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע נישט גערעדט. וואהרשיינליך האט ער נישט געקאנט רעדען. אבער איצט, ווען דער דריטער צד האט ווידער אנגעהויבען צו זשאנגלירען וועגען א „ברייטער און גרונדליכער אויספארשונג" פון דעם גאנצען פאלעסטינער פראבלעם, איצט מוז מען רעדען וועגען דער ראל פון דריטען צד בנוגע די דערמאנטע פרובען.

נאר די יענינע וואס זענען נישט אינפארמירט וועגען דער ווירקליכער ראל פון די ענגלענדער אין דער יודיש-אראבישער פראגע, ווייסען נישט, אז מען האט פיעל, פיעל מאל געזוכט א וועג צו א פערשטענדיגונג. און דאס נישט תמיד אויף דער איניציאטיוו פון די יודען, נאר עס זענען אויך געווען פאלען, ווען די אראבער זענען געווען די ערשטע; איבערהויפט פון צווישען די פיהרער פון דער אראבישער נאציאנאלער בעוועגונג אויסערהאלב ארץ-ישראל. זיי האבען געוואלט דורך קאנצעסיעס פאר יודען אין ארץ-ישראל געווינען יודישע הילף און שטיצע פאר דער אראבישער פעדעראציע-בעוועגונג. אזא אריענטאציע—און א געוויס פעסטע—עקזיסטירט נאך איצט צווישען א בעדייטענדיגען טייל פון די אראבישע פיהרער, וועלכע זענען מעהר ערפאהרען און האבען א ברייטערן קוק אויף די מעגליכע היסטארישע פערספעקטיווען פון א יודיש אראבישער פערשטענדיגונג און א פריינדליכער צוזאמענארבייט.

אבער די צוויי צדדים—די יודען און אראבער—זענען אינגאנצען אבהענגיג פון דריטען צד—פון די ענגלענדער. אהן זייער צושטימונג קען קיין רייד נישט זיין וועגען א פערשטענדיגונג. דער דריטער צד איז דער שטארקסטער און דער עיקר. און עס איז ווייטאגלעך צו דענקען, אבער דאס איז א פאקט, אז די ענגלענדער האבען קיין איין שריט נישט געמאכט כדי צו שאפען פאסענדע בעדינגונגען פאר אזא פערשטענדיגונג און זי פערלייכטערן: נאך מעהר: איינינע הויכע בעאמטע פון דער ארץ-ישראל-רעגירונג זענען נישט יוצא מיט קיין פאסיווער שטעלונג, נאר זיי מאכען דירעקטע שטערונגען און דערלאזען נישט, אז עס זאל קומען צו איהר. וועגען דעם רעדען אפען אויך יענע אראבער, וועלכע געפינען זיך נישט אונטער דער השפעה פון עקסטרעמע אספיראציעס און זענען לחלוטין נישט דאנקבאר די דאזיגע ענגלישע בעאמטע פאר זייערע בלוטיגע טובות.

דארף מען דען נאך צו דעם דערמאנען דעם אלעמען בעקאנטען פאקט, אז די ארץ-ישראל-רעגירונג בעמיהט זיך תמיד צו פערשטארקען די פאזיציע און דעם איינפלוס דווקא פון יענע אראבישע פיהרער, וועלכע זענען בעקאנט מיט זייער עקסטרעמער שטעלונג אין דער יודיש אראבישער פראגע. אזוי איז דאך אויך בעשטימט געווארען אויף זיין הויכען פאסטען דער איצטיגער הויפט מופטי, הגם אויף די וואהלען האט ער נישט מעהר ערהאלטען ווי 7 שטימען געגען 17 און 19 שטימען פון זיינע צוויי געגנער; מען האט איהם בעשטימט נאר אדאנק זיין פערביסענער געגנערשאפט געגען דער יודישער נאציאנאלער היים. צוליב דעם זעלבען טעם האט די רעגירונג לאנג און מיט עקשנות געקעמפט געגען דעם שטאדט-מער פון חיפה און נישט געוואלט אנערקענען די וואהלען נאר דערפאר, וואס ער איז מעסיג און ליבעראל אין דער דאזיגער פראגע.

נאך מעהר אינטערעסאנט און איבערצייגענד אין דער הינזיכט און נישט

וואס געהערט, וואס געזעהן.

נאטור-קאפריזען.

אויפ'ן וועג צווישען כזשאנסטוב און קאניעצפאל געפונט זיך א טייך און דאס אויפ'ן ארט, וואו ס'גרעניצען זיך די לאדזשער און קיעלצער וואיעוואודזטוועס. אט דער טייך איז א קאפריז פון דער נאטור. אין דעם דאזיגען טייך פליסען אריין די וואסערן פון דער פיליצע און ביאלקע און מערקווירדיג: ביידע וואסערן מישען זיך נישט אויס; אויף איין זייט טייך, וואס געהער צו דער לאדזשער וואיעוואודזטווע, פליסט די פיליצע, וועמעס וואסער איז טונקעל, דאגעגען אויף דער צווייטער זייט טייך, וואס געפונט זיך אויף דעם שטח פון דער קיעלצער וואיעוואודזטווע, איז דאס וואסער העל. אזוי פליסען די וואסערן פון די צוויי בעזונדערע טייכען און בילדען איין טייך. זיי לעבען בשכנות און דאך היט יעדעס וואסער אב זיין אייגענארטיגקייט.

קוקענדיג אזוי אויף דעם נאטור-קאפריז, איז מיר געקומען אויפ'ן געדאנק, ווי שווער עס קומט אן צוויי נאציעס צו לעבען בשכנות, וואס פאר א געראנגעל עס איז צווישען זיי — איינער וויל דעם אנדערן נישט פערשטעהן און עס שפילט זיך אב א שווערער ביטערער קאמף, וועלכער דויערט יאהרען. צי וואלט מען זיך נישט געקאנט אראבנעמען א מוסר-השכל פון אט דעם דאזיגען טייך, וועלכער פעראייניגט צוויי מינים וואסערן און פונדעסטוועגען היט יעדעס אב זיין אייגענארטיגקייט?!

נישט בהנם זאגט מען, אז די וועלט איז שעהן, נאר די מענשהייט פערפאסקודזיעט זי. די וועלט איז וואונדערבאר, די נאטור איז רייצענד, נאר מענשליכע בריאים מאכען פון איהר צוליעב קאפריזען א תל.

שבת אין כזשאנסטוב.

פרייטאג פארנאכט קומען אן צו פאהרען די מענער פון דער שטאדט צו זייער פאמיליעס אין דארף אריין און ברענגען מיט ווי געוועגליך פעקלעך. איז דעריבער דא, ווי אויף אלע זומער-וואוינונגען, א מנהג צו געהן פרייטאג צו דער באהן, וואס געפונט זיך א קנאפ קילאמעטער פון דארף.

אין אסטראווע לויפט מען עטליכע מאל אין טאג צו דער באהן אבווארטען בעקאנטע אדער גלאט אזוי לעטניקעס, דא אבער געהט מען צו דער באהן נישט מעהר, ווי איין מאל אין דער וואך — פרייטאג.

און א מנהג איז, אז אלע ליעטניקעס, אפילו די, וואס וואוינען דא מיט זייערע פאמיליעס פריוואט, קומען זיך צונויף אין „וויקטאר"-פענסיאנאט און דארט ווערט אדורכגעשמועסט די גאנצע פאליטיק און מען איז זיך אויך מכבד מיט זמר'לעך. די גרעסטע אטראקציעס קומען אבער פאר שבת. ווארטען שוין אלע מיט אומגעדולד אויף דעם שבת, און נישט בלויז די יודען, נאר אויך די פויערים גרייטען זיך צום שבת'ריגען קאנצערט.

זייענדיג דא אין דארף בעקענט מען זיך מיט'ן כאראקטער פון די פויערים. דער פוילישער פויער, ווי יעדער פרימיטיווער מענש, איז ער ערליך און דער עיקר נאטירליך, און דא, אין כזשאנסטוב, ווי ס'ווייזט זיך ארויס, האט מען איהם נאך נישט אינגאנצען פער'סמ'ט, האט ער זעהר ליעב צוצוקוקען, ווי אזוי די שטאדטישע יודען ווייילען זיך, זינגען און לאכען. שטעלען זיך ארום מאסען פויערים, אבגערוקט פון דער וועראנדע און הערען זיך צו צו די געזאנגען. און מעג דאס דויערן ביז שפעט אין דער נאכט, וועלען זיי זיך נישט לייגען שלאפען, נאר וועלען נישט מיעד ווערען הערענדיג. און ווען ס'געפעלט זיי דריקען זיי אויס זייער צופרידענהייט אויף א פרימיטיווען אופן — זיי לאכען און פאסמאקעווען מיט די ליפען.

פערטרויט זיך טאקי פאר מיר א פויער, אז די פרעהליכסטע צייט פון יאהר איז ביי איהם, בעת די ליעטניקעס געפונען זיך אין דארף. שפעטער— בעקלאגט ער זיך — ווערט אומעטיג און מיט אומגעדולד ווארט ער שוין אויפ'ן נאהנטען פריהלינג, ווען ס'וועלען ווידער קומען די ליעטניקעס.

אין כזשאנסטוב איז א גאנצע וואך שטיל, רוהיג און א שטיקעל טומעל ווערט נאר בלויז איין מאל אין דער וואך — שבת.

די בונדישע קאלאניע.

פערשידענע ארגאניזאציעס ארדנען איין זומער-צייט קאלאניעס אין קור-ערטער. אזוי, למשל, האב איך אין די בעסקידען פאראיאהרען געטראפען קאלאניעס סיי פון ביתר'אוצעס, סיי פון די צעירי אגודת ישראל. דא אבער אין כזשאנסטוב, וואו ס'רוהט דער ארבייטענדער עלעמענט, האט היי-יאהר געמאכט זיין אברוהה-קאלאניע דער טשענסטאכאווער „בונד".

ס'זאגט זיך נאר אזוי א קאלאניע פון „בונד", פאקטיש זענען נאר דא פערהאנען 15 יוגענדליכע מיט זייער פיהרער משה לעדערמאן אין דער שפיץ. לויט מיין מיינונג ריכטען זיי דא גיכער אב גלות, איידער פראווען הלכות-דאטשע, ווייל די פראלעטארישע יונגלעך און מיידלעך קומען דא אדורך דעם טאג אבי יוצא צו זיין. קיין געבראטענע גענז און היהנער האבען זיי נישט, זיי בעגנוגען זיך מיט א ביסעל קרופניק. דערפאר געניסען זיי אבער מיט דער פולער מאס פון וואלד און לופט, און פרעהליך זענען זיי אויך אין לשער. ביז שפעט אין דער נאכט קלינגען אב אין חלל פון וואלד און דארף די הילכיגע געזאנגען פון ארבייטער-און פאלקס לידער. דאס זינגען די חבר'טעס און חברים פון דער בונדישער קאלאניע.

לעלוב.

ווער האט נישט געהערט וועגען דעם קליינעם שטעדטיל לעלוב, וואס איז בעריהמט א דאנק דעם קבר פון בעל-מופת און גוטער-יוד ר' דוד'ל לעלעווער זצ"ל.

מיט צוויי יאהר צוריק, ווען מיר האבען געמאכט אנ'אויספלוג קיין לע-

אין אַלט-שומרון

(ארץ-ישראל-בילדער)

פון חיים לייב פוקס

דער טאג האט זיך צעעפענט ווי א זילבערנער בעכער. א לינדער ווינט אויסגעמישט מיט'ן בשמימדיגען אראמאט, מיט'ן הנ'עוודיגען ריח פון צעבליהטע פאמעראנצען, פון פרישע מאנדלען האט זיך ארומגעטראגען אין דער לופט.

אויף אלע וועגען און שטעגען, האט זיך אנגעזעהען דער חן פון פריהלינג, דער ספעציפישער ארץ-ישראל פריהלינג, וואס איז אנדערש, ווי דער פריהלינג ביי אונז.

פעלדער פרישע, ווי כלה-מיידלעך. בוימער מיט צעקרויזטע קעפ, צעגרינטע, יונגע גראזען, האבען פרעהליך געבליקט אין די אויגען אריין.

א לייכטקייט וואס מאכט טענצלען דאס בלוט אין די אדערען, וואס נעמט ארום מיט יוגענד, מיט פרייד, האט גערופען: וואנדערער קום מיט מיר

איך האב געהארכט און בין געגאנגען, געגאנגען קיין אלט-שומרון, וואס האט געדרימעלט אין מיינע פערלאנגען, אין מיינע חלומות.

דורך געסלעך שמאלע, געדרייטע, בארגיק און טאליג, ארויף און אראב, זיגזאגיש, ווי אריינגעשניטען זיך אין דער נאטור, הייזלעך פון חמרה אנגעווארפענע איינס אויפ'ן צווייטען פול מיט פרויען און קינדער, מיט טאטואירטע פנימ'ער און רינגען אין די נעז און אויערן, זענען מיר געגאנגען איבער'ן אראבישען דארף סעבאסטיא צו די הייכלען און אויסגראבונגען פון אלט-שומרון.

אראבישע גייסטליכע מיט פנימ'ער פון כהנים, ווי פון חומש ארויס, אראבערינס, ווי אין די צייטען פון רות, שווארצע, רייפע, ווי פעלדער אין זומער, האבען מיט אויגען פול מיט פייער, מיט ליידענשאפט אונז נאכגעקוקט.

יונגלעך אין כאלאטלעך פון לייכטען געצייג, ווי חדר-יונגלעך, זענען נאכגעלאפען מיט פערשיערענע „אלטע" מטבעות פון אייגענער אויסארבייטונג אונז פארגעלעגט צו קויפען פאר שפאט ביליג; קליינע חברה-לייטלעך אום-נאקעט מיט שמוציגע גופלעך האבען גלאט אזוי אונז געשלעפט ביי די מלבושים און געשריגען: באקשיש. מיר זענען אין מיטען פון ערשטען יאהרהונדערט מיט'ן גאנצען אור-פרימיטיוו און מיט זיין נאטירליכען חן.

דער שומר פון די אלטערטימליכקייטען, אנ'אלטער אראבער מיט גוטמוטיגע אויגען, מיט ערפורכט, ווי עפעס אנ'אדם חשוב, פיהרט אונז אראב 21 פינסטערע טרעפ אין די הייכלען, וואו ס'זאלען לויט דער לעגענדע זיין די קברים פון די נביאים אלישע און עובדיה.

פאר מיר זענען איצט אדורך די פערשידענע צייטען פון יודישען פאלק, צייטען פון שטייגען און פאלען, צייטען פון חלום און וואהר. איך האב דא אין די הייכלען אין אלט-סעבאסטיא אין מיטען הויף פון א מוסולמענישען מעטשעט געהערט דאס קול פון די נביאים און א געפיהל פון טיפען טרויער האט מיך ארומגענומען, פארוואס מיר האבען נישט קיינעם, וואס זאל רופען און וועקען, וואס זאל שטראפען אין דער איצטיגער שווערער צייט פאר יודען... דער קלאנג פון פיאסטערס, וואס זענען געפאלען אין א מעשענעם טעלער אריין, וואס דער שומר האט געהאלטען, האט מיך ארויסגעפיהרט פון מיינע געדאנקען און צוריקגעפיהרט איבער די טרעפ ארויף צו די חורבות פון אלט-שומרון.

ארויסגעהענדיג פון דארף זענען מיר די חורבות פון בית-המקדש וואס הורדוס האט אויפגעבויט דא אין שומרון. אט שטעהען די זיילען מיט די פערצירונגען אין די קעפ אין אלט-רוימישען סטיל, וואס נישט די צייט, נישט דאס לעבען האט אבגעמעקט פון דער ערד—די רעשטלעך פונ'ם היפאדראם, מיט די רונדע שטיינערנע זיץ פלעצער ווי דאס פאלק דער פלעגט איז געזעסען און צוגעזעהן די קאמפען. ארויף אויפ'ן בערגעל זעהען נאך דא די פונדאמענטען פון די פאלאצען פון די יודישע קעניגען עמרי און אחאב.

מיט די וואונדערבארע בארעליעפען פון עלפענביין, אויך פערשידענע מאנומענטען-שטיקער מיט העבראישע אויפשריפטען—אין דער זייט ליגט דער שטיינערנער סקולפטאר-ביוסט פון רוימישען הערשער אויגוסטוס. ווייטער דער קאלאנאדען-וועג, וואס האט ארומגענומען די גאנצע שטאדט, וואס האט געהאט א קייזערליכען אויסזעהן, און די מויערן, וואס האבען בעשיצט די שטאדט פון אנ'אנפאל, ווי אלע קייזערליכע שטעדט.

די זון איז שוין געווען אויף די שפיצען בוימער, דער טאג איז שוין געווען נאהנט צום פערגיין, ווען מיר האבען פערלאזען די חורבות און צוריק צום דארף סעבאסטיע—די זעלבע יונגלעך מיט די „אלטע" מטבעות, די זעלבע קליינע חברה'לייטלעך אבער שוין נישט דאס זעלבע געפיהל וואס ביים וועלען פאהרען קיין שומרון האט מיר איצט ארומגענומען—די פרעכטיגע בארעליעפען פון עלפענביין, וואס שטעלען מיט זיך פאר עפעס פיגורען פון חיות-געטער מיט פליגעל, וואס זענען געמאכט דורך יודישע קעניגען און דערמאנען מעהר אין רוימישען קולט (אפילו דא אנ'ענליכקייט צו רומ'ס און רומילוס, דעם הערב פון ווים) האט מיך טרויעריג געמאכט און איך האב שוין איצט פערשטאנען פארוואס ארץ ישראל איז חרוב געווארען. דאס טויטע בילד פונ'ם רוימישען הערשער, וואס האט מיט אזא מאיעסטאט געקוקט פון שטיין אראב און די קברים פון די נביאים אין די הייכלען, האבען מיר פיעל, פיעל דערציילט. דערציילט וועגען די פעטע סעודות און די ווינען, וואס די יודישע קעניגען און פאטריצער צוגלייך האבען זיך געלאזען וואוילגעהן אין דער צייט, ווען דאס געוויין פון יתום און אלמנה און דער הונגער פון פאלק האט געשריגען דורכ'ן קול פונ'ם נביא און דער איינציגער לוין איז געווען—די געקעפטע קעפ פון די נביאים: דא אין אלט-שומרון, האב איך געפיהלט דעם וואיים וואס האט אויפגעפרעסען דעם יודישען גוף אין יענע צייטען און וואס פרעסט איהם ביז'ן היינטיגען טאג, ער הייסט אסימילאציע און ווען מיר האבען פערלאזט די לעצטע הייזלעך פון סעבאסטיע אויפ'ן וועג צו שכם, איז מיר שכם עפעס טויזענד מאל נענטער געווארען, דאס פרעמדע יודענפיינדליכע שכם, נאר נאטירליכער איירער דאס ארט פון די יודישע קעניגען, וואס האבען זיך געחנפ'עט צו פרעמדע הערשער און דערמיט גורם געווען דאס פאלען פון מלכות ישראל.

וויינגער בעדייטענד ווי דער אבמאך צווישען פייזאלען און דר. וויצמאן זענען די אונטערהאנדלונגען, וואס האבען זיך זייגער צייט געפיהרט צווישען עמיר אבדולא און די ציוניסטישע פיהרער וועגען פעראייניגען ביידע טיילען ארץ-ישראל פון ביידע זייטען ירדן אויף געוויסע בעדינגונגען און מיט א געוויסער ראל פאר'ן עמיר. און די דאזיגע אונטערהאנדלונגען זענען אויך אונטערגעריסען געווארען נאר איבער דעם, וואס דער דריטער צד האט נישט געוואלט.

אזעלכע פרובען זענען געמאכט געווארען וויפיעל מאל. אבער אלץ איז געווען גלאט און גוט כל זמן עס איז נישט געקומען צום דריטען צד. ווי נאר די אונטערהאנדלונגען האבען דערגרייכט עפעס א רעזולטאט, האט זיך גלייך אויסגעוויזען דער טויטער פונקט און ווייטער זענען זיי נישט געגאנגען. דא האט יעדער פרוב געפלאצט און די עסקנים פון ביידע צדדים מיט זייער בעסטען ווילען האבען גאר נישט געקאנט מאכען. זיי האבען פערלוירען זייער מוט און שפעטער אויך די לוסט פאר נייע פרובען, וויסענדיג, אז צו קיין רעזולטאטען וועט מען נישט דערלאזען. דעריבער דארפען יענע ענגלענדער, אירער זיי ווענדען זיך מיט מוסר און עצות וועגען פערשטענדיגונג צו יודען אדער אראבער, דארפען זיי זיך פריהער ווענדען צו זייער אייגענער רעגירונג און צו די ענגלישע בעאמטע אין ארץ-ישראל.

י. אייגער, ירושלים

ווי האַלט עס מיט'ן אנטיסעמיטיזם אין פראַנקרייך?

אט די פראגע, וועלכע איך האב גענומען אלס טעמא פון מיין ארטיקעל, האט מען מיר געשטעלט אויף טריט און שריט, ווי נאר איך בין צוריקגעקומען פון פראנקרייך. עפיס איז דא דערגאנגען דער אבקלאנג פון דער דערדריקענדער שטימונג, וואס ווערט קינסטליך ארויסגערופען דורך די רעאקציאנערע עלעמענטען אין פראנקרייך צוליב זייער פאליטישען דורכפאל און צוליב דעם פרעמיער בלום'ס יודישע צוגעהעריגקייט.

די אפטע אנטיסעמיטישע ארויסטרעטונגען און די כוליגאנישע געשעהענישען וואס ווערען אונז לעצטענס אזוי ברייטהערציג צוגעטיילט אין א טייל לענדער, האבען אונז געמאכט אזוי פיהלבאר, אז טיילמאל שאצען מיר איבער די פאסירונגען. פון דעם זעלבען שטאנדפונקט האט מען נאכגעפארשט די לאגע פון די יודען אין פראנקרייך אין צוזאמענהאנג מיט דער פאליטישער ענדערונג אין לאנד. איך וויל דא געבען א קורצע אביעקטיווע אבשאצונג פון דער לאגע, כדי צו בעקומען א קלאר בילד פון אנטיסעמיטיזם אין פראנקרייך, וואס שטעלט זיך פאר אין ראזע פארבען.

דער אנטיסעמיטיזם האט עגזיסטירט אין פראנקרייך נאר איידער בלום איז געקומען צו דער מאכט. עס פערשטעהט זיך, אז מיר מוזען איהם דא מעסטען מיט גאר אנ'אנדערער מאס, ווי מיר טהוען עס אין אנדערע לענדער. דער אנטיסעמיטיזם, דער ווילדער ראסען-האס איז פרעמד דעם ליבעראלען פראנצויזישען גייסט און איז אין ווידערשפרוך צו דער פראנצויזישער טראדיציע פון דעמאקראטיע און פרייהייט. דעריבער איז די יודען פריינדשאפט נישט געווען מערקבאר. עס האבען זי קולטיווירט אויסשליסליך עטליכע פאליטישע דעגענעראטען צו ענג-פארטייאישע ציעלען.

דעם מאנאפאל אויף אנטיסעמיטיזם האבען געהאט די מאנארכיסטען, וואס גרופירען זיך ארום זייער הויפט-ארגאן „אקסיאן פראנסעז" און בילדען אנ'אונבעדייטענד הייפעל מענשען מיט א בעגרעניצטען ווירקונגס-קרייז. טיילמאל פלעגט קומען צו קליינע אינצידענטען צווישען די פא־שפ־ייטער פון „אקסיאן פראנסעז" און די פערבייגעהער אויפ'ן „פלעצל", וואו דער יוד פיהלט זיך ביי זיך אין דער היים, און לאזט זיך נישט שפייען אין יער קאשע... אנטיסעמיטישע נייגונגען איז אויך געווען צו בעמערקען ביי די פאשיסטישע ליגעס מיט „קרוא דע פע" און דע לא ראק אין דער שפיץ. זיי האבען אבער עס געמאכט אהן רעש, אהן דעמאגאגיע, נאר סאלאנמעסיג. טיילמאל פלעגט זיך א היציג סטודענטיל ערלויבען אויף אנ'אנטיסעמיטישען אויסרוף. אבער דערויף פלעגט עס זיך ענדיגען.

אבער ווען דער פאליטישער קעסעל אין לאנד האט גענומען זיעדען אין צוזאמענהאנג מיט די פארלאמענט-וואהלען אין דער רעגירונגס ענדערונג און מ'האט גענומען בענוצען אלערליי מאנעווערן און תחבולות אויף צו שלאגען פאליטישען קאפיטאל, האט די רעאקציע זיך גענומען צו איהר אלטען, פערזשאווערטען כלי-זיין—דעם אנטיסעמיטיזם. דאס פראנצויזישע פאלק, די ברייטע פאלקס מאסען האבען זיך תיכף אבגעשאקעלט פון די דאזיגע גיפט מישער און פערשפרייטער פון האס און געענטפערט ווירדיג דורך דעם עיהאבענעם זיעג פון דער דעמאקראטיע און שלום בעת די וואהלען.

אבער דער פאקט, וואס די העכסטע שטעלע אין דער נייער רעגירונג פערנעמט לעאן בלום, דער יוד, האט געגעבען די רעאקציאנערע אפאזיציאנעלע גרופען א פרישען אנשטויס פארטצוזען די יודען-העצעס מיט פרישען ברען און אייפער. עס האבען זיך געשטעלט אין דיענסט פון אנטיסעמיטיזם עטליכע איינפלוסרייכע זשורנאלען און זיך בעמיהט מיט אנטי-יודישע ארגומענטען צו דיסקרעדיטירען די רעגירונג פון יוד בלום—

לעאן באדע, דער אנטיסעמיטישער שרייבער איז, אין טאג פון נאמינירען בלום'ען אלס פרעמיער, ארויס מיט אזא לשון אויף די שפאלטען פון „אקסיאן פראנסעז": „די יודען-פראגע שטעהט יעצט אויפ'ן שארף פון מעסער ווי אין דער צייט פון דער דרייפוס-אפערע דאס פראנצויזישע פאלק וועט זיך נישט לאזען בעצווינגען נישט מיט די געזעצען פון תלמוד און נישט מיט'ן קאנטשיק פון א סטאלין, ליטווינאוו, אדער בלום. און מענשען, וואס זענען נאך נעכטען געשטאנען ווייט פון אנטיסעמיטיזם דעקלארירען זיך איצט אלס אפענע יודען-פיינד און וועלען לענגער נישט טאלערירען די הערשאפט פון ישראל און אז דאס וועט זיך שלעכט ענדיגען".

אומזיסט איז אבער געווען יעדע שרעק. די רעגירונג האט באלד אין אנפאנג אנגענומען די געהעריגע מאס-מיטלען ענטגעגענצוווירקען אלערליי מלוכה פיינדליכע שריט פון די אפאזיציאנעלע גרופירונגען. די רעגירונג איז ענטשלאסען מיט אלע קרעפטען אונטערצודריקען יעדען פרוב פון רעאקציאנערען, אנטיסעמיטישען כאראקטער, וואס בעצוועקט ארונטערצורייסען די פאפולאריטעט פון דעם לינקען פראנט.

אלערערשטענס איז געווארען פאראליזירט די טעטיגקייט פון די פאשיסטען דורך אויפלעזען זייערע ליגעס און מאכען זיי אונשעדליך פאר דער געזעלשאפט. אנפיהרענדע מלוכה-פאסטענס אין דער פערוואלטונג זענען געווארען אנפערטרויט סאציאליסטען אויפ'ן ארט פון די פריהערדיגע רעכטע פערוואלטער, וואס האבען טאלערירט יודען-העצעס, ווי עס איז געווען דער פאל אין אלושער.

זעהר ערנסט ווערט אויך בעהאנדעלט אין דער פראנצויזישער פראגרעסיווער פרעסע דער פראיעקט פון פערמאכען דאס „ברוינע הויז" אין פאריז, וואס איז א נעסט פון שפיאנאזש און אנטיסעמיטיזם און בילדעט א פארפאסטען פאר'ן נאצישען „נעדאנק" אינ'ם מערב. עס ווערט אויך געפאדערט אויפצולעזען די פעטלוריסטען פארטיי, וואס עקזיסטירט אין פאריז און האט אויך איינפלוסען אין די אנטיסעמיטישע קרייזען—

ווי מיר זעהען קענען די אנטיסעמיטען נישט אויפהויבען דעם קאפ, דען די ברייטע עפענטליכע מיינונג איז געווענדעט געגען זיי און די פעסטע שטעלונג פון דער רעגירונג פערקלענערט זייערע חיה'שע אפעטיטען. אנשטאט אנ'אויפשטייג וועט דער אנטיסעמיטיזם גאר ליידען א גרויסע ירידה, די אלע, וואס האבען א דאנק איהם געוואלט זיך דערשלאגען צוריק צו דער מאכט, וועלען מוזען קאפיטולירען און זיך אוועקרוקען גענצליך אין א ווייט פון געזעלשאפטליכען לעבען. דער אנטיסעמיטיזם אין פראנקרייך וועט ליידען אזא מפלה, אז ער וועט שוין נישט אויפשטעהען תחית המתים.

די יעצטיגע רעגירונג איז נישט קיין דורכגאנגס-פעריאד אינ'ם לעבען פון פראנקרייך. דער לינקער פאלקס-פראנט איז שטארק בעפעסטיגט אין זיינע פאזיציעס און שטעקט טיעף מיט זיינעווארצלען אין די ברייטע פאלקס-מאסען. און אלץ איינס, צי וועט דער פרעמיער זיין א יוד, צי נישט, וועלען די עלעמענטארע געזעצען פון דעמאקראטיע, גלייכהייט און מענשען-ליעבע ווערען רעספעקטירט.

ל. קורלאנד.

פארבעריי און כעמישע וועשעריי

„BENETA"

ב. יאסעלעוויטשא 11

(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאפעלושארניע)

אונטער דער לייטונג פון אנ'אבסאלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע - שולע אין ווארשא מיט לאנג-יעהריגער פראקטיק

ספעציאליטעט:

1) פארבען לויט מוסטערן,
2) דעטאשירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען אויפ'ן ארט),
3) כעמיש רייניגען און פאסאנירען קאפעלושן,
4) וואשען שטייפע מענער-וועש מיט א דויערהאפטען שפיגעל-גלאנץ.

לוב, האבען מיר אויף די שפאלטען פון אונזער צייטונג געגעבען א ברייטערען רעפארטאזש וועגען אט דעם מערקווירדיגען שטעדטיל, וואס געפונט זיך אין דער קיעלצער וואיעוואדזטווע.

דאס מאל וועל איך דעריבער גאר געבען א ביסעל פרטים ארום אונזער אויספלוג אין דאזיגען שטעדטיל.

צווישען קאניעצפאל און לעלוב געפונט זיך א דארף דראכלין, וואס איז בעקאנט אלס א נעסט פון ענדעקישע כוליגאנעס און ס'טרעפט זעלטען, אז א יוד זאל אדורכפאהרען בשלום, נישט כאפענדיג א פאר שטיינער אין קאפ.

בעת דער לעצטער יאהרצייט פון ר' דוד'ל לעלעווער איז דער שטאדטישער אויטא פון טשענסטאכאוו, וועלכער האט געפיהרט טשענסטאכאווער יודען, בעגעגענט געווארען מיט א האגעל שטיינער און א שויב פון אויטא איז געווארען אויסגעהאקט. דאמאלס איז דאס דארף בעשטראפט געווארען דורכ'ן קיעלצער וואיעוואדע מיט 500 זל. דאס האט אבער נישט אבגעשראקען די יונגע פויערישע ענדעקעס אונז מכבד צו זיין מיט שטיינער. צום גליק זענען מיר אבגעקומען מיט בלויז שרעק.

בעת מיר האבען בעזוכט ר' דוד'ל לעלעווער'ס קבר, האבען מיר דארט גראד געטראפען א צוויי מניינים יודען, וועלכע האבען געזאגט תהלים פאר א חולה מסוכן, דערביי האבען זיך געהערט יאמערליכע געוויינען פון דעם קראנקען'ס קרובים. דאס דאזיגע בילד אונטער'ן פרייען הימעל, ארום און ארום פון קברים, האט געמאכט אויף אלעמען א שוידערליכען איינדרוק.

אין לעלוב איז שוין 5 יאהר נישטא קיין רב. מיט א יאהר צוריק איז דארט אפילו מיט א מערהייט שטימען אויסגעוועהלט געווארען אלס רב ר' שלמה יצחק ראבינאוויטש, א זוהן פון אלטען קלאבוצקער רב ר' יעקעלע ז"ל און פון זיין פרוי, דער יעצטיגער אמסטאווער רביצין, נאר ער איז נאך ביז'ן היינטיגען טאג נישט בעשטעטיגט געווארען דורך דער מאכט. עס איז פערהאנען א יש-אומרים, וועלכע האלטען, אז אויב ער וועט נישט סילוק'ן די צוגעזאגטע פאר טאלער (אנ'ערך 8 טויזענד זלאטעס), וועט ער איבערהויפט נישט ווערען רב אין לעלוב, ווייל די מינדערהייט און אויך א גרויסע צאהל פון דער מערהייט, וועלכע האבען איהם זאגאר געוועהלט אלס רב האבען איצט חרטה (אלץ צוליב די צוגעזאגטע און נישט אבגעצאהלטע פאר גילדען...) און זיי האבען געשיקט א פראטעסט צו דער אויפזיכטס מאכט, אזוי, אז ס'איז א שוואכע האפנונג, דאס לעלוב זאל אין דער נאהנטסטער צייט האבען א מרא דאתרא.

און נאך א נייעס האב איך זיך דערוואוסט, וואס איז אוודאי דער איינציגער פאל אין דער געשיכטע פון די יודישע קהלות אין פוילען, און נעמליך: אין דער לעלעווער קהלה ארבייט אלס סעקרעטאר א קריסט, א געוויסער זדראדא, עס האט דארט טאקי געארבייט אין משך פון 10 יאהר א געוויסער משה וויסקינד, נאר דער פרעזעס יעקב גאסלאווסקי האט בעסער געוואלט האבען א קריסט אלס סעקרעטאר.

מיט עטליכע וואכען צוריק האט מען אויפגעלעזט די לעלעווער קהלה און מען האט בעשטימט אלס קאמיסאר א געוויסען משה אלעזר ראזנבאך. דער קריסטליכער סעקרעטאר איז אבער ווייטער געבליבען און ער גרייט איצט צו די קהלה-וואהלען.

מיר זענען צוריקגעפאהרען שנעל פון דעם שטעדטיל לעלוב און געבעטען, אז מיר זאלען ווידער זיין אין דארף דראכלין נישט געניזוק'ט ווערען. אונזער בקשה איז אנגענומען געווארען און מיר זענען בשלום אנגעקומען קיין כושאנסטוב.

לויתן.

דאס פייערליכע שליסען פון דער ערשטער האלב-קאלאניע פון „טאז".

פערג. מיטוואך איז פארגעקומען דאס פייערליכע שליסען פון דער ערשטער האלב-קאלאניע ביים „טאז".

צו דער פייערונג איז געקומען מצד דער שטאדט-פערוואלטונג דער וויצע שטאדט-פרעזידענט העגשעל און רעפע-רענט ריביצקי, ווי אויך א גרעסערע צאהל איינגעלאדענע געסט.

די קינדער האבען זעהר שעהן דעק-לאמירט, געזינגען ווי אויך אויסגעפיהרט הערליכע ריטמישע טענץ. די קינדער האבען דאן בעקומען א גוטען אווענד-ברויט און פערלאזט די האלב-קאלאניע, אויף וועלכער זיי האבען פערבראכט פרעהליכע 4 וואכען.

ערשטען סעזאן געווען 275 קינדער. אויף דער וואג האבען די קינדער צוגענומען ביז א קילא – 71 קינדער, ביז 2 קילא – 164 קינדער, ביז דריי קילא – 18 קינ-דער, אינגאנצען נישט צוגענומען האבען 8 קינדער, אינגאנצען נישט געוואויגען 14 קינדער.

דער ערשטער סעזאן האט אבגעקאסט דער פערוואלטונג פון „טאז" איבער 3 טויזענד זלאטעס.

דערביי איז כדאי צוצוגעבען, אז דער מאגיסטראט האט אויף דעם אלעם נישט געגעבען קיין איין גראשען.

די פערוואלטונג פון „טאז" בעמיהט זיך אויך איינצוארדנען א האלבע-קאלא-ניע אויפ'ן צווייטען סעזאן.

אויף דער האלב-קאלאניע זענען דעם

גרויסער פראטעסט-מיטינג וועגען ענין דאנציג.

פערגאנגענעם שבת 7 א זייגער אווענד איז אויפ'ן פיעראצקי-פלאץ זיך צונויפגעקומען א גרויסער עולם, ווי אויך דעלעגאציעס מיט פעהנער, כדי צו מא-ניפעסטירען געגען די ווילדע דייטשע אפעטיטען אויף דאנציג.

דעם מיטינג האט געעפענט איגזש. ווארובעל, וויצע-פרעזעס פון דער „ים-ליגע", וועלכער האט אויפגעפאדערט צו בעעהרען דורך די פערזאמעלטע דעם אנדענק פון גענ. דרעשער. פרעזעס פון דער צענטראלע פון דער „ים-ליגע".

נאך א 2-מינוטיגען שטילשווייגען האט אין נאמען פון דער פעדעראציע גענו-מען דאס ווארט וויצע-פרעזעס שמידט, וועלכער האט אונטערגעשטראכען, אז גדיניע און דאנציג זענען אונזערע צוויי לונגען, וואס זענען אונבעדינגג נויטיג צום לעבען.

אין נאמען פון דער שטאדט טשענ-סטאכאוו האט גערעדט אדוו. כאלדיק, וועלכער האט ערקלערט, אז אויב מ'זאל א קוק טהוט דעם אמת אין די אויגען, מוזען מיר זיין וואכזאם, ווייל אונזער גורל וואלט געווען פערדריסליך.

דער רעדנער האט אין שטארקע ווערטער אונטערגעשטראכען וואס ס'גע-שעהט אויף דער אינטערנאציאנאלער ארענע און אז איצט זענען מיר עדות פון א דעבאטע צווישען פוילען און דייטשלאנד, ווייל עס האנדעלט זיך נישט בלויז וועגען דאנציג – נאך דאנ-ציג וועט געהן שלעזיען, פאמערן, פויז-נער געגענד, נאך וועלכע ס'שטרעקט די ברוטאלע דייטשע האנד. דא האנ-דעלט זיך נישט וועגען די כוליגאנישע מעשים פון גרייזער'ן – דא האנדעלט זיך וועגען אנ'אטענטאט אויף אונזער פרייהייט און עקזיסטענץ. דאנציג קענען מיר נישט אבגעבען. מיר קענען אהן דאנציג נישט עקזיסטירען און אויב דייטשלאנד וויל פון דאנציג מאכען א נעסט פון האקאטיזם מוזען מיר זאגען: אוועק מיט די ברודיגע הענד פון דער פוילישער ערד!

דער היינטיגער מיטינג – פערענדיגט דער רעדנער – דארף דער רעגירונג צוגעבען מוט צו אנ'ענטשלאסענעם שריט בנוגע דאנציג. מיר פאדערן נישט אבצוטרעטען פון אונזערע רעכט און מיר ווילען אוועקשטויסען מיט טהאטען אין נויטיגען פאל דעם דייטשען חשק.

אין נאמען פון דער לעהרערשאפט און שול-קינדער האט גערעדט דער לייטער רוטשינסקי און אין נאמען פון די אר-בייטער – ה' טשיגארוס, וועלכער האט אויפגעפאדערט נישט צוצולאזען צו קיין רעכטלאזיגקייט. דאן האט נאך גערעדט א פארשטעהער פון די שלעזישע פאוו-סטאנצעס און ה' סטאכערא האט פאר-געלייענט די געהעריגע רעזאלוציעס.

נאכ'ן אבזינגען די „ראטע" איז דער מיטינג געווארען אויפגעלעזט.

אנגעהויבען די ארבייט ביים בוי פון הויז פאר'ן יודישען גימנאזיום.

א פריידיגע שטימונג האט ארויסגע-רופען אין אונזער שטאדט די ידיעה, אז ענדליך איז מען צוגעטרעטען צו דער ארבייט ביים בוי פון הויז פאר'ן יודישען גימנאזיום.

מיטוואך, זייגער 8 אין דער פריה, האבען זיך אויפ'ן פלאץ, יאסנאגור-סקא 8|10, פערזאמעלט די מיטגלידער פון דער פערוואלטונג, אויפזיכט-ראט און בוי-קאמיסיע. צווישען די פערזא-מעלטע מיטגלידער הערשט א געהוי-בענע יום-טוב-שטימונג. עס איז דאך גאר קיין קלייניגקייט נישט. ענדליך הויבט זיך אן די פערווירקליכונג פון זייער אידעע. די חדשים-לאנגע מיה און אנשטרענגונג איז נישט געווען אומזיסט. אט, אט וועט די ערשטע לא-פאטע זיך איינגראבען אין דער ערד, עס וועט זיך אנהויבען די ארבייט כדי צו שאפען פאר'ן יודישען טשענסטאכאוו א מאנומענטאלע שול-געביידע, אייגע פון די שענסטע, מאדערנסטע אין פוי-לען.

האלב ניין טרעט מען צו צו דער ארבייט. די ערשטע לאפאטעס גראבען ארייין די אנוועזענדע ה"ה: דיר. ז. מארקאוויטש, מ. נויפעלד, פ. שפירא, דיר. א. זיגמאן, נ. ראטשטיין, ש. בארנשטיין, דיר. פרושיצקי, ד"ר מע-רינג, ה. שפאלטען, ל. קאפינסקי, מ. פויסט, מ. גאלסטער, י. שלעזינגער, י, יאכימאוויטש, נ. שווארצבוים, איגזש. גאלדמאן, ז. ראטבארד, וו. איצעק, ה. א. ליבראוויטש, י. קאק און ש. געווערצמאן. א בשותפות'דיגע פאטא-גראפיע פעראייביגט דעם מאמענט. די אנטיילנעמער פון דער פייערליכקייט האבען זיך בענוצט מיט א שפאגעל-נייער לאפאטע, וועלכע איז נאך דער פייערליכקייט בעהאלטען געווארען צום אנדענקען, אז מיט איהר איז אויסגע-גראבען געווארען די ערשטע שפאדעל ערד אין היסטארישען מאמענט, ווען דאס יודישע טשענסטאכאוו איז צוגע-טרעטען צו רעאליזירען איינע פון איה-רע גרעסטע אידעען.

דער אנהויב פון דער ארבייט ביים גראבען פון די פונדאמענטען איז גע-פייערט געווארען אין גאנץ בעשיידענע ראהמען. דאגעגען בעאבזיכטיגט דער בוי-קאמיטעט איינצוארדנען די פייער-ליכקייט פון גרונדשטיין-לעגען, וואס זאל פארקומען אין א פאר וואכען ארום, אויף א גאר פייערליכען אופן. אין דער דאזיגער פייערליכקייט, וואס וועט זיין א גרויסער יום טוב פאר אונזער שטאדט, וועט זיך האפענטליך בעטיי-ליגען דאס גאנצע יודישע טשענסטא-כאוו.

תשעה-באב אין טשענסטאכאוו

דער היי-יאהריגער תשעה-באב איז געווען שטארק בעמערקבאר אין די שוהלען, ווי אויך אין די מנינים, וועל-כע זענען געווען איבערפולט מיט מתפללים.

אין דער נייער סינאגאגע האט הארציג געזאגט קינות אבער-קאנטאר ה' פישעל, דערמאנענדיג דעם נוסח בירנבוים, וואס ס'האט ארויסגערופען ענטציקונג ביי דעם צאהלרייך-פער-זאמעלטען עולם.

די ענטהילונג פון דער מצבה פון א בעקאנטען האנדווערקער-טהוער

פרייטאג, דעם 7-טען אויגוסט 1936 י. 10 א זייגער פריה וועט אויפ'ן בית-עולם פארקומען די ענטהילונג פון דער מצבה פון פערשטארבענעם האנד-ווערקער-טהוער אברהם זקן פרידמאן.

אלע האנדווערקער ווילען בעשטימט זיין אנוועזענד ביי דער דאזיגער טרויער צערעמאניע.

ווילנער נייעס.

צוברעכען דעם בלאק צו די קהלה-וואהלען.

מיט צופרידענהייט האבען מיר אינ'ם פערגאנגענעם נומער איבערגעגעבען, אז דאס צושטאנדקומען פון אנ'איינ-הייטליכען בלאק פון אלע פארטייען, אז עס זאל אויסגעמיטען ווערען דער אונגעווינשענער וואהל-קאמף ביים ביל-דען די נייע קהלה, איז כמעט ווי א געשעהענער פאקט. די „ראשי פרקים" צווישען די וויכטיגסטע ריכטונגען זע-נען שוין געמאכט געווארען. מיט די האנדווערקער און אלעקסאנדער חסידים, וועלכע זענען נישט געוועזען אנווע-זענד וועט געהן ארורכצוקומען. דער שווער פונקט זענען נאר די לינקע „פועלי ציון", וועלכע האבען זייער בעקאנטען „פרינציפ" נישט נעהן צו-זאמען מיט בירגערליכע עלעמענטען (אגב תרעגט וואס זיי זענען). אבער, האט מען זיך געטרייסט, בלית ברירה, וועט זיין א שוואכע געגנערישע ליסטע ענטקעגען א געאייניגטען פראנט פון דער גאנצער שטאדט, וואס וועט קיין שום בעדייטונג נישט האבען.

מיר האבען, וואס אמת, געהערט ווערסיעס, אז דער „על המשמר" טענה'ט עפעס חרטה. ער בעשטעהט נישט אויף דער צאהל מאנדאטען, וואס איז איהם געווארען צוגעטיילט, און פערלאנגט אנשטאט צוויי – דריי. מיר האבען אבער נישט גענומען ערנסט און גע האלטען עס פאר א „סטראשאק", נישט וועלענדיג צולאזען, אז צוליעב א פוי-לע פרעטענסיע וועט מען וואגען צו צושטער'ען א בלאק, וואס עס קאסט נישט ווייניג מיה ביז עס געלונגט אזעלכען צוזאמענצושטעלען.

אבער אויף דער צווישען-פארטיי-אישער זיצונג, וועלכע איז פארגעקומען שבת פריה האט דער „על-המשמר" אהן קאטאוועס אונטערגעהאלטען זיין תביעה אויף דריי מאנדאטען. מען האט איינ-געטענה'ט: אדרבה, אויף וועמענס חשבון זאלען זיי דאס בעקומען דער-לייגט דעם מאנדאט, ווען די אגודה בעקומט נאר 5 אנשטאט 6, די אלגע-מיינע ציוניסטען און דער „מזרחי" בע-קומען נאר צו צוויי, די איבריגע אלע ארגאניזאציעס בעקומען ואר צו איי-נעם. האט דער „על המשמר"-פערטרע-טער געהאלטען פאר רעכט, אז דער „מזרחי" זאל בעקומען נאר איין מאנ-דאט און ער דריי.

זעהענדיג, אז קיין איינער פון די אנוועזענדע פארשטעהער איז דערויף נישט מסכים, מען זאל דעם „מזרחי", וועמענס מיטגלידער עס צעהלען מעהר וויפיעל עס פערלאנגט זיך שטימען אויף א מאנדאט, נישט געבען קיין צוויי און דעם „על המשמר", וועלכער צעהלט נישט קיין העלפט אזוי פיעל וואהל-בערעכטיגטע מיטגלידער זאל בעקומען דריי – האט דער „על-המשמר"-פאר-שטעהער זיך געווארפען אויפ'ן „התאח-דות", אז דער „התאחדות" זאל גאר-נישט בעקומען און ער אזש דריי.

ווילענדיג פארט דערהאלטען דעם איינהייטליכען פראנט האט מען גע-פרובט צו בעפרידיגען דעם איבערגע-טריבענעם פערלאנג דורך דעם, וואס מען וועט נישט האבען דאגעגען, אז דער פערטרעטער אין קהלה-ראט פון א פראפעסיאנעלע ארגאניזאציע זאל זיין פון „על-המשמר"-ריכטונג – אבער דאס אלץ האט נישט געהאלפען און דער „על המשמר" האט זיך עקשנות'דיג גע-האלטען ביי ס'זייניגע. דער סוף איז געווען, אז ס'איז איבערגעלאזט געווא-רען דעם „על המשמר" אויף ישוב הדעת, אפשר וועט ער דאך זיך איבער-לייגען און נישט זיין אזוי קאמפסלוס-טיג.

מאנטאג 5 נאכמיטאג, ווען עס איז צונויפגערופען געווארען א זיצונג פון אלע פארטייען, כדי ענדגילטיג פעסט-צושטעלען דעם מצב, האט דער „על המשמר" געמאלדען, אז ער טרעט נישט אב פון זיין פאדערונג און עס איז צו-זאמענגעשטעלט געווארען א פראטאקאל, דאס צוליעב די איבערגעטריבענע פער-לאנגען פון דער „על-המשמר"-ארגאני-זאציע, ווערט דער בלאק אויפגעלעזט און יעדע ארגאניזאציע האט פרייע הענד צו טהון וואס זי וויל.

דאס צושטערען פון בלאק, וועלכער האט שוין געהאלטען אויף אזא גוטען וועג, האט ארויסגערופען אין שטאדט גרויס פערביטערונג און עמפערונג.

יעדער אויפריכטיגער מענש האט זיך געווינשען מיט'ן גאנצען הארצען, אז אין דער היינטיגער צייט פון יודען-פערפאלגונגען דא אין גלות און דארט אין ארץ ישראל, וואו דער ישוב לעבט איבער שווערע בלוטיגע טעג און בכלל דער שווערער עול פרנסה און אנדערע קלאפאטען, וואס יעדער האט גאנץ גענוג – אז דער ליידענשאפטלי-כער וואהל-קאמף צו דער קהלה זאל אויסגעמיטען ווערען און ס'זאל קומען צו א פערשטענדיגונג און ס'זאלען ארויסגעשטעלט ווערען בשותפות די פאסענדע פערזאנען צו דער צוקונפטי-גער קהלה.

מיר, פון אונזער זייט, האבען אודאי געוואלט שלום, אויך אונזער אלגעמיין-ציוניסטישע ארגאניזאציע (עת לבנות), וועלכע איז געווען די הויפט ארגאניזא-טארין פון בלאק, האט נישט געהאט קיין בעזונדערע אספיראציעס און עס טהוט אונז זעהר לייד, וואס דער וואהל-קאמף איז אונז אויפגעצוואונגען געווארען.

מיר רופען נאך די „על-המשמר"-ארגאניזאציע צו בעזינען זיך, עס איז נאך צייט, צו וואס דוקא מלחמה, אויב עס קען זיין שלום.

צי איז עס אזא „זינד" וואס מען קען נישט מוחל זיין?

זייט כירורג ד"ר פאטרין האט אי-בערגענומען די ארדינאציע איבער'ן היגען שפיטאל, קען מען זאגען, אז ס'איז פשוט געקומען אויף דער שטאדט א ישועה און נישט נאר אויף דער שטאדט גאר אויף דער גאנצער אומ-געגנעד.

אדאנק דעם וואס ד"ר פאטרין האט זיך ארויסגעוויזען אלס אויסגעצייכענ-טער כירורג, וועלכער פיהרט אדורך גאנץ געלונגען שווערע און קאמפלי-צירטע אפעראציעס, זענען שוין פיעל צעהנדליגנער קראנקע פשוט געראטעט געווארען פון טויט, דען א סך אפע-ראציעס זענען אנבעלאנג אין דער מי-נוט און ביז וואס ווען, ביז מען האט דערלעבט די נחמה, דעם קראנקען איבערצופיהרען אין אנ'אנדערער שטאדט אריין, איז דערווייל אויסגעגאנגען ביים קראנקען די נשמה–די אפעראציע איז געקומען צו שפעט. אויסערדעם וויפיעל האבען זיך אדאנק דעם אדורכ-פיהרען אויפ'ן ארט געלונגענע אפע-ראציעס איינגעשפארט געלד און צרות, וואס זענען פערבונדען מיט אוועק-פיהרען דעם קראנקען? מען קען זא גען, אז ד"ר פאטרין אלס כירורג איז פשוט ווי א מלאך-מושיע פאר דער שטאדט און אומגעגענד, דערצו האט ער זיך ערווארבען די סימפאטיע און אנערקענונג אלס א פיינער, ליבערא-לער מענש, אהן שמץ פון אנטיסעמי-טיזם, אויך נישט געלד-גייציג, ווי מען זעהט אפט ביי דאקטוירים.

אבער... ווי זאגט מען דאס: אין אדם אשר לא יחטא, יעדער מענש האט זיך זיינס א קאפריז וואס הארמאנירט נישט מיט זיין שלימות, מיט די מעלות זיינע, און ווען דער קאפ-ריז פון אנאנדערן בשר ודם פערשאפט פערדרוס, ברענגט אדער דער קאפריז –מיר קענען עס אנדערש נישט בע-צייכנען–פון ד"ר פאטרין די בעטרע-פענדע פערזאנען א סך צער און שמערץ און זיי פיהלען זיך שטארק געקרענקט און פערביטערט אויף ד"ר פאטרין.

ד"ר פ. האט נעמליך די אייגענ-שאפט, או קוים האט זיך דער פאציענט געהיילט ביי אנ'אנדערן דאקטאר אין אנ'אנדערע שטאדט, זאגט ער זיך אב דעם קראנקען מעהר צו בעהאנדלען, ער וויל איבערהויפט דעם קראנקען מעהר נישט אונטערזוכען און אפילו נישט אויפנעמען אין שפיטאל, וואס איז ווי בעוואוסט, נישט קיין פריוואטער נאר שטאדטיש.

ווי געוועהנליך ביי א קראנקהייט, ווען מען זעהט אז ס'איז שלעכט, דאס לעבען פון קראנקען איז אין געפאהר, טהוט מען אלע פעולות מען קלערט: אפשר א גרויסע שטאדט, האט גרע-סערע דאקטוירים ספעציאליסטען, לויפט מען, מען קוקט נישט אויף קיין געלד, מען ברענגט אראב א דאקטאר אדער מען פיהרט איבער דעם קראנקען אין גרויסען מקום אריין שפעטער ווייזט זיך אבער ארויס, אז יענע מאכען אויך נישט קיין מופתים און אז דער אר-טיגער דאקטאר קען דרייסט די קראנק-הייט ווייטער בעהאנדלען. אט אזא קראנקען, וואס איז בעגאנגען דעם שווערען „חטא", וואס ער האט גע-פרובט זיך היילען אין אנ'אנדער שפי-טאל, קען שוין ד"ר פ. זיין „חטא" מעהר נישט מוחל זיין, און אזא קראנ-קער, נישט האבענדיג מעהר די מא-טעריעלע אדער אנדערע מעגליכקייט פארטצוזעצען אויסערוועטס זיין קו-ראציע, איז אבגע'משפט ווייטער צו ליידען, נישט האבענדיג קיין כירורג, ביי וועלכען זיך צו קורירען.

וויפיעל צער און פערדרוס פערשאפט די דאזיגע האנדלונג דעם בעטרעפענ-דען קראנקען און זיינע נאהענטע?

מיר ווילען גלויבען, אז ד"ר פאט-רין וועט רעווידירען די דאזיגע נישט-יושר'דיגע האנדלונג און וועט פער-שטעהן, אז נישט אויס מאנגעל פון צוטרוי געהט דער קראנקער זיך היי-לען אנדערשוואו און דערנאך, בקיין ברירה, הייסט עס, קומט ער צו איהם צוריק, נאר דאס איז די פסיכאלאגיע פון יעדען קראנקען און פון די, וואס ציטערן איבער זייער גורל, דאמאלס ווען דער סטאדיום פון דער קראנקהייט איז א שטארקער, צו זוכען רעטונג וואו עס זאל נישט זיין.

און מיר ווילען האפען, אז כירורג ד"ר פאטרין, וועלכער האט זיך ער-ווארבען אזא גוטע רעפוטאציע אין שטאדט, וועט אין דער צוקונפט אויס-מיידען צו פערשאפען אזעלכע „זינ-דיגע" קראנקע אומזיסטען צער און עגמת נפש.

ביים אויסמעסטען עטאט דארף גענומען ווערען אין אכט די אויפפיהרונג פון עטאט-צאהלער לגבי פילאנטראפישע אינסטיטוציעס.

א היגער רייכער סוחר, נאכדעם ווי די היגע סטאראסטווע האט אבגעוואר-פען זיין רעקורס געגען דער אויסמעס-טונג פון קהלה-עטאט, האט ער אנגע-שפארט אזש אין דער וואיעוואודזטווע, אבגעבענדיג א רעקורס.

פערגאנגענע וואך איז אנגעקומען פון דער וואיעוואודזטווע א בריעף אין דער היגער קהלה וועגען אויסקונפט אויף דער בעטרעפענדער פערזאן, ווי ער בעציהט זיך צו פילאנטראפישע אינ-סטיטוציעס אין שטאדט.

די גמינע האט אויפ'ן סמך פון דעם בריעף צוגעשיקט אנפראגען אין „הכנסת אורחים", „לינת הצדק", „בית לחם" א. א. צי די פערזאן צאהלט ענטשפרע-כענד צו דער הויך און פונקטליך דעם מאנאט-בייטראג.

פון דער דאזיגער ווענדונג פון דער וואיעוואודזטווע איז גערדרינגען, דאס אויב איינער צאהלט נישט ווי געהע-ריג פאר פילאנטראפישע אינסטיטוצ-יעס איז בערעכטיגט אזעלכען צו שטע-לען מעהר עטאט, פערקעהרט – דארף צו ווערען בעריקזיכטיגט.

דאָקטאָר=מעדיצין
ל. גוטמאַן
נייער מאַרק 4
נעמט אָן פון 1 שערפּיען קראַנקע
נור פּריוואַט
אויפנאַהם שעה׳ן: פון 10 ביז 12 פאַרמ.
און פון 3 ביז 5 נאָכמיטאָג.
טעלעפאָן 17=44.

קאָמוניקאַט פון „אחדות-ישראל" ביי נ. צ. אָ.

שבת, פ׳ ואתחנן 5 א זייגער נאָכמי-טאָג וועט אין אייגענעם לאָקאַל, אַלעע 8, רעפערירען ח׳ משה אַש א. ד. ט.: „ארץ-ישראל אין דער פערגאַנגענהייט און ארץ-ישראל אין יעצטיגען מאָמענט". חברים און סימפּאַטיקער ווערען געבע-טען אנוועזענד צו זיין.

— אַנהויבענדיג פון שבת ווערט גע-דאַווענט אין אייגענעם לאָקאַל פרייטאַג צו-נאַכטס און שבת 8.30 פריה.

— עס איז געשאַפען געוואָרען א „אגרת אזרח ציוני"-קאָמיסאַריאַט פאַר נ.צ.אָ. אין אונזער שטאָדט, אין וועלכען עס זענען פערטרעטען אַלע נ. צ. אָ. אָרגאַניזאַציעס אונטער דער לייטונג פון פּרעזעס פון „אחדות ישראל" ה׳ יצחק האָלאַנד.

פון „תרבות"

דעם 19-טען ד. ח. איז פאָרגעקומען די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון „תרבות", אויף וועלכער עס איז אויסגעוועהלט געוואָרען א נייע פערוואַלטונג אין פאָלגענדען צוזאַמענשטעל: פּראָפ. ד. י. יאַנאָווסקי, ל. קאַפּינסקי, אברהם גער-שאָנאָוויטש, מ. זאַנדשטיין, א. איצ-קאָוויטש, מ. ר. שטרויס, ד"ר ח. ז. הירשבערג, ב. זילבערבערג און א. ח. שיפער.

צומאָרגענס, מאָנטאַג, איז פאָרגע-קומען די קאָנסטיטואירענדע זיצונג פון נייעם ועד אונטער׳ן פאָרזיץ פון ח׳ א. גערשאָנאָוויטש, אויף וועלכער עס איז איינשטימיג אויסגעוועהלט געוואָרען אַלס יושב-ראש פון „תרבות" פּראָפ. ד. י. יאַנאָווסקי, אַלס קאַסירער—א. גערשאָנאָוויטש און אַלס סעקרעטאַר —א. ח. שיפער.

גלייכצייטיג איז אויסגעאַרבייט גע-וואָרען אַן אַרבייטס פּראָגראַם, וועלכער נעמט אַרום: העברעאישע אָווענד-קור-סען, רעפעראַטען, „מחלקת הנוער" און וועגען פעסטיגע מפע"ים לטובת דער צענטראַלע.

פון דער זומער-קאָלאָניע פון דער שולע א. נ. פון זאָפיאַ היינשטאַק.

פון דער זומער-קאָלאָניע פון דער שולע א. נ. פון זאָפיאַ וויינשטאַק אין וואָלאָדזימיעזשוב איז אויפ׳ן אדרעס פון אונזער רעדאַקציע אָנגעקומען א קאַר-טעל מיט פאָלגענדען אינהאַלט:

„מיר גריסען הערצליך אונ-זערע ליעבע עלטערן, בעקאַנטע און פריינד, ווי אויך די רעדאַקציע. די אָנטיילנעמער פון דער שול · קאָלאָניע א.נ. פון זאָפיאַ וויינשטאַק אין וואָלאָדזי-מיעזשוב — פונ׳ם אויספלוג קיין סולע-יוב".

שענקט צייטונגען פאַר יודישע חולאים

מצד דער לייטונג פון יודישען שפּי-טאָל ווערען מיר געבעטען זיך צו ווענדען צו דער יודישער בעפעלקע-רונג מיט אַן אַפּעל צו שענקען אויס-געלייענטע צייטונגען פאַר די קראַנקע אין יודישען שפּיטאָל.

די צייטונגען דאַרף מען אריינוואַר-פען אין א ספּעציעלען קעסטיל וואָס איז צו דעם צוועק אויפגעהאָנגען אוי-פ׳ן הויז אַלעע 16.

מיניסטער טאַרנאָווסקי וועט קומען קיין טשענסטאָכאָוו.

ווי ס׳איז שוין געווען מיטגעטיילט, וועט אין טשענסטאָכאָוו פאָרקומען א טרויער-אַקאַדעמיע צו בעעהרען דעם אָנדענק פון טראַגיש פערשטאָרבענעם גענעראַל אָרליטש דרעשער. די דאָזיגע אַקאַדעמיע ווערט אָרגאַניזירט דורך דער אָרטיגער פערוואַלטונג פון דער „ים-ליגע".

אויף דער דאָזיגער אַקאַדעמיע וועט קומען האַלטען א רעפעראַט מיניסטער טאַרנאָווסקי.

געהעכערט די לויהנען אויף די עפענטליכע אַרבייטען.

דער וויצע-מיניסטער פאַר אַרבייט און געזעלשאַפטליכער שוץ יאַסטשעמ-בסקי האָט געשיקט קיין טשענסטאָכאָוו א טעלעפאָנאָגראַם מיט דער מעלדונג, אַז נעמענדיג אין אַכט די בקשות פון די אַרבייטסלאָזע וואָס זענען בעשעפ-טיגט אויף די עפענטליכע אַרבייטען, האָט דער אַרבייטס-פאָנד מסכים געווען צו העכערן די לויהנען פון 2.72 אויף 2.90 פאַר מענער און פון 2.40 אויף 2.50 פאַר פרויען.

די שטאָדט-פערוואַלטונג פון איהר זייט, האָט בדעה די דאָזיגע סכומים אויסצוגלייכען ביז 3 זל. פאַר מענער און 2.60 פאַר פרויען.

אַכטונג ליבהאָבער פון גוטען בוך!

דערמיט ווערט בעקאַנט געמאַכט, אַז פון 1 אויגוסט ה. י. ווערט געעפ-פענט אויף אַלעע נר. 20 א מאָדערנע ביבליאָטעק ביים צענטראַל-ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען א. נ. „קולטור".

די ביבליאָטעק בעזיצט 15.000 בענ-דער און א ספּעציעלע אַבטיילונג פאַר קינדער און יוגענד.

כדי צו ערמעגליכען אַלע צו געני-סען פון דער ביבליאָטעק ווערט נישט גענומען קיין איינשרייב-אָפּצאָהל און קויציע.

דער חודש-אָפּצאָהל איז: פאַר דער-וואַקסענע 75 גר., פאַר יוגענד 50 גר. פאַר מיטגלידער פון פּראָפ. פעראיינען הנחות.

די ביבליאָטעק איז טעטיג א גאַנ-צען טאָג (חוץ זונטאָג און יום טובים) פון 11 ביז 1 מיטאָג און פון 4.30 ביז 8.30 אָווענד.

נדבות פאַר „תומכי עניים".

ה׳ איוו. פ. האַפּטקאַ 5 זל.

טראַגישער טויט פון א טשענסטאָכאָווער אייננאָוינער אין דניעסטער.

מאָנטאַג איז אָנגעקומען א ידיעה, אַז אין זאַלעשטשיק איז אויף א טראַגישען אופן אומגעקומען דער היגער 37 יעהרי-גער אייננאָוינער פּאָוגעניוש פראַנקע, וועלכער איז גוט בעקאַנט געווען אין די קרייזען פון דער אַזוי-גערופענער „גאָלדענער יוגענד".

פראַנקע איז דעם קריטישען טאָג גע-פאָהרען אויף א קאַיאַק איבער׳ן טייך דניעסטער. אין א געוויסען מאָמענט האָט זיך דאָס שיפעל איבערגעדרעהט און פראַנקע איז דערטרינקען געוואָרען. דעם טויטען קערפּער איז געלונגען אויסצו-געפינען און ער וועט אַראָבגעבּרענגט ווערען נאָך טשענסטאָכאָוו.

טראַגישער טויט אין א ברונעם.

אין דאָרף מיעזשיץ, הינטער וויעלון, האָט פּאַסירט אַן אומגליקליכער פאַרפאַל, בעת וועלכען ס׳איז אומגעקומען דער 5 יעהדיגער סטאַניסלאַוו טשעקיי.

דאָס יונגעל האָט זיך געשפּילט ביי דער פּלומפּ אָהן אויפזיכט און אין א געוויסען מאָמענט, פערלירענדיג דאָס גלייכגעוויכט, אריינגעפאַלען אינ׳ם ברו-נעם.

אויף די געשרייען פון אומגליקליכען יונגעל זענען איהם געקומען צו הילף די שטוב מענשען און אַרויסגעצויגען פון וואַסער. צוליב דעם פעלען פון דער הויך און פערשידענע אינערליכע בעשע-דיגונגען איז דאָס יונגעל נאָכ׳ן איבער-פיהרען אין שפּיטאָל אריין געשטאָרבען אין יסורים.

אַפּעלאַציע-פּראָצעס פון די באָמבעס-וואַרפער דעם 16-טען וושעשען.

צום אַפּעלאַציע-געריכט אין וואַרשא זענען איינגעפאַלען די אַקטען פון פּראָצעס פון די באָמבע · אַטענטעטער אויף היגע יודישע געוועלבער. ווי בעוואוסט, האָט דאָס קרייז געריכט אין טשענסטאָכאָוו פער׳משפט די אַטענטע-טער פעליקס ראַק און זיינע 3 חב"ים ביז 18 חדשים תפיסה.

די אָנגעקלאָגטע, ווי אויך דער פּראָ-קוראָר האָבען געגען דעם אורטייל פון דער ערשטער אינסטאַנץ אריינגעטראָגען אַן אַפּעלאַציע, וועלכע וועט בעטראַכט ווערען דעם 16 וושעשען ה. י.

אַכטונג!

צוליב דער בעקוועהמליכקייט פון די ג׳ קליענטעלע האָבען מיר געעפענט א פיליע פון אונזער כעמישע וועשעריי

„קרישטאַל"
אויף וואַרשאַווער 37

ערשטקלאַסיגע וועשעריי פון שטייפע וועש, קראַגענס מיט א שפּיגעל-גלאַנץ, ווי אויך ריינינגען און פאַרבען אַלערליי מלבושים.

סאָלידע אויספיהרונג!
זעהר נידריגע פּרייזען!

Chemiczna pralnia i farbiarnia
„KRYSZTAŁ"
ul. Warszawska № 37
i ul. B. Joselewicza 2.

די פאַבריק „מאָטעס" ווערט געלאָזט אין גאַנג.

די וואָל-פאַבריק פון די „מאָטעס", וועלכע איז געווען נישט-טעטיג עטליכע וואָכען, האָט ווידער אָנגעהויבען צו אַרבייטען. דעם 20 ד.ח. איז צוגעטרע-טען צו דער אַרבייט די ערשטע פּאַרטיע אַרבייטער אין דער צאָהל פון 1600 פערזאָן. דעם 27 ד.ח. — די איבריגע אין דער צאָהל פון 500 פערזאָן.

די פערגאַסענע קאָפּאַלניע זאָל ווערען געלאָזט אין גאַנג.

דער גורל פון דער קאָפּאַלניע „קריס-טינאַ" אין דאָרף פּאַנקי איז ענדליך געוואָרען דעצידירט. ווי בעוואוסט זע-נען דאָרט לעצטענס פאָרגעקומען קאָנ-פליקטען צווישען די גרובען-אַרבייטער און דער דירעקציע, וועלכע האָט בע-שלאָסען צו דערטרינקען און פערגיסען די קאָפּאַלניע.

א לענגערע קאָנפערענץ אונטער דער פּערזענליכער פאָרזיץ פון אַרבייטס-אינספּעקטאָר אינזש. קוליטשקאָווסקי האָט ענדליך דערפיהרט צו א פולשטענדיגער ליקווידאַציע פון קאָנפליקט, וועלכער האָט געדראָהט אראָבצושווענקען די גרובענס.

ביידע צדדים האָבען איינגעזעהן און אָנערקענט פאַר ריכטיג די אַרגומענטען פון אַרבייטס אינספּעקטאָר און געשלאָסען א נייעם אָבמאַך. די לויהנען זענען דורכשניטליך געוואָרען געהעכערט מיט אַנ׳ע־ך 15 פּראָצענט.

צוליב דער דאָזיגער גינסטיגער ער-לעדיגונג פון קאָנפליקט איז מען שוין צוגעטרעטען אויסצושעפּען דאָס וואַסער פונ׳ם גרובען, אַזוי, אַז ביז׳ן 15 ק. ח. וועלען אַלע ביז-איצט בעשעפטיגטע אַרבייטער צוריק צוגענומען ווערען צו דער אַרבייט.

ציגאַרען פעררעטען א שמוגעל.

די גרעניץ וואַך האָט אויפ׳ן סמך פון בעקומענע ידיעות אדורכגעפיהרט א רעוויזיע ביי איינעם פון די דאָמבראָ-ווער (הינטער וויעלון) אייננאָוינער און געפונען פערשידענע טאַבאַק-אויסאַרביי-טונגען פון דייטשער אָבשטאַמונג, ווי אויך דריי נייע ראָווערען. עס איז גע-וואָרען פערהאַלטען א געוויסער אַלעק-סאַנדער פּאַוולאָווסקי, וועלכער האָט נישט אָנגעגעבען די קוועלע, וואו ער האָט די פערהאַלטענע סחורה גענומען.

די ווייטערדיגע אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט, אַז פּאַוולאָווסקי האָט מיט 14 יאָהר צוריק עמיגרירט קיין דייטשלאַנד און זייענדיג דאָרט אַרבייטס-לאָז, האָט ער זיך אומלעגאַל אריינגעּ-קומען קיין פּוילען און געוואוינט ביי זיינע פריינד אין דאָמבראָוועו.

די ראָווערען ווי אויך די טאַבאַק-אויסאַרבייטונגען זענען געוואָרען פער-האַלטען און פּאַוולאָווסקי איז געוואָרען איינגעזעצט אין תפיסה.

Dr. med.
JAKÓB ZAND
choroby wewnętrzne
powrócił
1 Aleja 1—II piętro
telefon 21-65

קרבן פון אייגענער אונפאָרזיכ-טיגקייט.

מיטוואָך פאַרמיטאָג האָט אין זיין אייגענער וואוינונג אויף ווילסאָנאַ 32 צוליב׳ן אונפאָרזיכטיגען אומגעהן זיך מיט געוועהר אומגעקומען דער היגער אינדוסטריעלער, דער 62-יעהריגער זיג-מונט קאָקולאָר.

לויט דער ערקלערונג פון די שטוב-מענשען, איז אין שטוב, וואו דער פאָר-פאַל האָט פּאַסירט, געפונען געוואָרען א טיילוויז פונאַנדערגענומענער רעוואָל-ווער. דערפון איז צו גלויבען, אַז דער פּאַטאָלער שאָס איז געקומען בעת קאָ-קולאָר האָט גערייניגט דאָס געוועהר און איהם אָוועקגעלעגט א טויטען אויפ׳ן אָרט.

א סוחר בעגאַנגען זעלבסטמאָרד.

דינסטאָג אין דערפריה איז בעגאַנגען זעלבסטמאָרד דורך אויפהענגען זיך אין זיין אייגענער וואורשטען-פאַבריק, 1-טע אַלעע 1, דער היגער סוחר ה׳ יעקב משה גראָהמאַן. דער זעלבסטמערדער האָט א לענגערע צייט געליטען אויף א נערוועזן-צושטרייאונג און דאָס זאָל איהם האָבען געשטויסען צום דאָזיגען פערצווייפעלטען שריט.

כאַראַקטעריסטיש, אַז דער זעלבסט-מערדער איז נאָך אינדערפריה געווען ביי קינות אינ׳ם שטיבעל, וואו ער האָט שטענדיג געדאַווענט. זיין טראַגישער טויט האָט געמאַכט א שוי-דערליכען איינדרוק אויף די היגע יודען און אַלע האָבען דערפון גערעדט מיט בעדויערען.

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ"
ul. Berka Joselewicza 2.
Filja: Warszawska 37.
מיר נעמען אָן צו וואַשען ווי אויך קראַגענס מיט לאַנג - דויערנדען שפּיגעל-גלאַנץ
כעמיש צו ריינינגען און צו פאַרבען אַלעראַרט קליידונג.
ספּעציאַליטעט: 1) פאַרבען לעדערנע קורטקעס

KINO „EDEN".

פון שבת — גרויסע הייריגע סענסאַציע!

Biuro zaginionych ludzi

לעוויס סטאָן, פּאַט אָ׳בריען.

3 אַקטועליען איבער׳ן פּראָגראַם

Kino „LUNA"

היינט און די ווייטערע טעג

SENIORITA w MASCE

אין די הויפּט ראָלען:
גלוריס סוּאַרטו
און דזשאָן באָלעס

פון קאַמעראַל-טעאַטער.

צום שליסען פון סעזאָן — די לעצטע געזעגנונגס-פאָרשטעלונגען פון דער סענ-סאַציאָנעלער פּיעסע אין 3 אַקטען „גלאָוואַ וו׳פּענטלי" ווערט געשפּילט פרייטאַג, דעם 31 ד.ח. האַלב 9 אָווענד; שבת 5 און 8.30; זונטאַג 3.30, 5.45 און 8-30. פּרייזען פון 60 גר. ביז 1.50.

פון ספּאָרט

אינטערעסאַנטער אויספלוג פון דער טוריסטישער סעקציע ביים „מכבי".

ביים יודישען טורן און ספּאָרט-פער-איין „מכבי" איז געגרינדעט געוואָרען א טוריסטישע סעקציע, וועלכע אָרגאַני-זירט אויפ׳ן קומענדיגען שבת און זונ-טאָג א 2-טאָגיגען אויספלוג אויף דער באַביאַ-גורא.

די אָנטיילנעמער וועלען אונטער דער אָנפיהרונג פון א פאַכמענישען אָנפיה-רער בעזוכען: יעלעזשינאַ, קאָביעלוב, זאַוואַיאַ, מאַקוב א.א.וו.

דער אויספלוג וועט פּראַקטאַקלירט ווערען אַלס איינע פון די קאָנקורענצען ביים דערגרייכען די מלוכה׳שע ספּאָרט-אויסצייכנונג.

איינשרייבונגען אויפ׳ן אויספלוג, ווי אויך איינשרייבונגען אין דער סעקציע נעמט אָן דער סעקרעטאַריאַט פון מכבי, קאַטעדראַלנע 13.

די מיטגלידער פון דער סעקציע נע-ניסען פון באַהן-הנחות.

גימנאַסטישע סעקציע פון „מכבי".

יעדען שבת 6.30 א זייגער פריה קומען פאַר אויפ׳ן ספּאָרט-פּלאַץ פון „מכבי" לעקציעס פון דער מענער-גימ-נאַסטישער סעקציע. איינשרייבונגען נעמט אָן דער סעקרעטאַריאַט אין די אָמט-שעה׳ן.

אַכטונג, באָקסער פון „מכבי"!

די אָנפיהרונג פון דער באָקסער-סעק-ציע רופט אַלע מיטגלידער פון דער סעקציע צו קומען אויף דער פערזאַמ-לונג פון דער סעקציע פרייטאַג, דעם 31 ד.ח. 9 א זייגער אָווענד אין לאָקאַל פון פעראיין, קאַטעדראַלנע 13.

די טרעניגנגען הויבען זיך אָן דעם 1 שערפּיען ה. י. אונטער דער אָנפיהרונג פון א ספּעציעל-קאָנטראַקטירטען טרע-נירער.

אַכטונג, לייכטאַטלעטען פון מכבי!

אין טשענסטאָכאָוו ווייל׳ט דער אויס-געצייכענטער אַטלעט און טרענירער פון ביאַליסטאָקער „מכבי" ה׳ גרשוני און ער האָט איבערגענומען די אָנפיהרונג איבער די טרעגינגען פון דער לייכט-אַטלעטישער סעקציע. די טרענינגען וועלען פאָרקומען אויפ׳ן „מכבי"-פּלאַץ און אויפ׳ן סטאַדיאָן א. ג. פון מאַרשאַל פּילסודסקי.

צוויי נייע סעקציעס אין „מכבי".

האָזענאַ און שטשיפּיאָרניאַק, דאָס זענען די צוויי נייע ספּאָרט צווייגען, וואָס האָבען זיך שנעל ערוואָרבען די פּאָפּולאַריטעט אין גאַנץ פּוילען און זע-נען איצט איינגעפיהרט געוואָרען אויך אין היגען „מכבי".

די טרענינגען קומען פאָר רעגולער 3 מאָל אין דער וואָך אונטער דער אָנ-פיהרונג פון קוואַליפיצירטע טרענירער. איינשרייבונגען נעמט אָן דער סעקרע-טאַריאַט פון פעראיין אין די אָמט-שעה׳ן.

מכבי-רעזערוו אויפ׳ן ספּאָרט-פּלאַץ.

צום שבת׳דיגען מעטש וועגען דער מייסטערשאַפט פון קלאַס „צע" מיט דער „בריגאַדאַ" 3 שטעלט „מכבי" אַרויס די צווייטע מאַנשאַפט.

סקאָדאַ (וואַרשא) — בריגאַדאַ 1:2

זונטאַג האָט די היגע „בריגאַדאַ" געשפּילט אין וואַרשא א פוטבאָל-מעטש מיט דער דאָרטיגער „סקאָדאַ", וועלכער האָט זיך געענדיגט מיט׳ן זיעג פון „סקאָדאַ" 1:2. דער דאָזיגער מעטש גע-העהר צו דער רייה פוטבאָל-פערמעסטונ-גען וועגען אַריינגעהן אין דער ליגע.

„סקראַ" — „אַדמיראַ" 1:9.

די אַ-קלאַסיגע „סקראַ" האָט אָבגע-האַלטען א הויכען נצחון איבער דער בע-קלאַסיגער „אַדמיראַ" 1:9.

„וויקטאָריאַ" — „מכבי" 3:8.

אויך דער בע-קלאַסיגער „מכבי" האָט געליטען א גרויסע מפּלה אינ׳ם פוטבאָל-מעטש מיט דער אַ קלאַסיגער „וויקטאָ-ריאַ" 3:8.

Redaktor i wydawca: Bogi[illegible]

Druk [illegible]